בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְן פון חִיזוק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת וַיְחִי

283

תשפ"ג

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע״י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

עֶנְדֶערְשׁ נֶעמֶען אַ שִׁידוּךְ פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אָדֶער אַ כַּלָה וָואס שֶׁערְט זִיךְ?..........א

וָואס טוּ אִיךְ אַז דֶער מְלַמֵד מַאכְט חוֹזֶק פוּן מַיין זוּן אַז עֶר זָאגְט מִשְׁנַיוֹת?.............ג

פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַלְס אִיד?..............................................ו

וָואס מֵיינְט דָאס וָוארְט וְדוֹ"ק?...............................................................ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

פַארְוָואס כַאפְּט מֶען זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ צוּ צוּ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע סְגוּלוֹת.......................א

מֶען דַארְף בַּאצָאלְן שְׂכַר לִימוּד ........................................................ב

זִיךְ פִּירְן מִיט צְנִיעוּת אִין אָפִּיס, אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן..................................ג

מַאךְ דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִיט חָכְמָה אוּן מִיט שֵׂכֶל..........................ד

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ .........................................................ה

שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס דִי עֶלְטֶערְן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער ........................ה

אַז מֶען דְרֵיידְט זִיךְ מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים, וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד ....................ז

טוּ וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר, זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט גֶטְ'ן...........................................ז

פַארְגֶעס נִישְׁט דַיין זֶעקְל סְפָרִים, נֶעם עֶס מִיט דִיר וואוּ דוּ גֵייסְט.......................ח

מֶען דַארְף זִיךְ כְּסֵדֶר רֵיינִיגְן, עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְזַאמְלֶען שְׁמוּץ..........................י

פַארְוָואס זָאלְט אִיר טְרַאכְטְן אִיר זֶענְט נִישְׁט אַ גוּטֶע מַאמֶע?.............................י

דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז מְתַקֵן זַיין מִיט דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּנִים ........................יא

אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב אִיז נִישְׁט קַיין אָפִּיס.....................................................יב

מִיר קֶענֶען נָאר אַדְוֶוערְטֵייזְן עֶסְן מִיט אַ הֶכְשֵׁר ....................................יב

מֶען דַארְף זִיךְ פִּירְן בִּצְנִיעוּת אוֹיךְ אִין אַ פְּרַיוָואטֶע חָצֵר .........................יג

אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ גֵיין, קֶען מֶען אָנְרוּפְן דִי עֶלְטֶערְן אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן .......... יד

דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן הֶפָּצָה זֶענֶען זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן .......... יד

לֶערְנֶען סֵפֶר הַמִדוֹת מִיט דִי קִינְדֶער .......... טו

אִיר הָאט קוּים חֲתוּנָה גֶעהַאט, וָואס דַארְפְט אִיר שׁוֹין זָארְגְן? .......... יז

עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ טוּן הֲפָצָה, אֲפִילוּ מֶען בַּאקוּמְט בִּזְיוֹנוֹת .......... יז

קֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר .......... יט

גֵיין אָנְגֶעטוּן נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג מַאכְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ .......... יט

נָאךְ דִי חֲתוּנָה זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת .......... כ

עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייטְן .......... כא

קִינְדֶער דַארְפְן הָאבְּן דִי מַאמֶע וֶוען זֵיי שְׁפִּירְן נִישְׁט גוּט .......... כב

צוּגֶעוואוֹינֶען דִי קִינְדֶער צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג .......... כג

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן אוֹיפְלֶעבְּן דִי "לֶעִידִיס עֶקְזִילֶעְרִי" .......... כד

זָאלְסְט הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אַלֶעס גוּטְס .......... כד

טוּ דִי צְוֵויי זַאכְן יֶעדֶעס מָאל אֵיידֶער דוּ פָארְסְט מִיט דַיין קַאר .......... כו

קוּם אִין שׁוּל מִיט כָּבוֹד, קוּם אִין בַּאשֶׁעפֶערְ'ס שְׁטוּב מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ .......... כז

וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן דַיין צֶעבְּרָאכְנְקֵייט? .......... כח

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן מוֹסְדוֹת פַאר דִי קִינְדֶער .......... כט

גֶעבּ חֲנוּכָּה גֶעלְט פַאר דַיינֶע קִינְדֶערְ'ס מְלַמְדִים .......... ל

אִידִישְׁקֵייט אִיז נִישְׁט גֶעוָואנְדְן אִין טַעַם אוּן גֶעפִיל .......... לא

דוּ זֶעסְט אוֹיס זֵייעֶר גוּט מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת .......... לב

מֶען דַארְף אַסַאךְ חִיזוּק נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן .......... לג

פַארְוָואס אִיז זֹאת חֲנֻכָּה דִי גְמַר פוּן אַלֶע תִּקוּנִים? .......... לה

זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ דַאוֶונֶען יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן .......... לה

עֲבֵירוֹת אִיז שְׁרֶעקֶעדִיג .......... לו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## עֶנְדֶערְשׁ נֶעמֶען אַ שִׁידוּךְ פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אָדֶער אַ כַּלָה וָואס שֶׁערְט זִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל פְּרֶעגְן, מֶען רֶעדְט מִיר אַ שִׁידוּךְ אַ מֵיידְל פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ, אַלֶעס זֶעט אוֹיס פֵיין, אָבֶער זֵיי זָאגְן אַז בַּיי זֵיי שֶׁערְט מֶען נִישְׁט דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט טְרָאגְט מֶען אָן נָאךְ אַ שִׁידוּךְ, אַ וואוֹילֶע מִשְׁפָּחָה, אַ גוּטֶע מֵיידְל, וָואס בַּיי זֵיי שֶׁערְט מֶען זִיךְ יָא, אָבֶער זֵיי ווילְן אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, זֵיי ווילְן אִיךְ זָאל דָאס צוּזָאגְן און אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווילְן עֶנְדֶערְשׁ דִי שִׁידוּךְ וָואס מֶען שֶׁערְט זִיךְ דִי הָאר, זֵיי הָאבְּן גֶעפְּרֶעגְט זֵייעֶר רֶבִּי און עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּם שִׁידוּךְ מִיט דִי מִשְׁפָּחָה וָואס שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט, אָבֶער מִיר אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ גֵיין צוּ אַ שִׁידוּךְ וָואס אִיךְ דַארְף צוּזָאגְן אַז אִיךְ לָאז אָפּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; בִּיטֶע אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיךְ זָאגְן וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי שִׁידוּךְ פוּן דִי מִשְׁפָּחָה וָואס בַּיי זֵיי שֶׁערְט מֶען זִיךְ אָפּ דִי הָאר, אֲפִילוּ זֵיי ווִילְן זִיךְ אוֹיסְנֶעמֶען דוּ זָאלְסְט אָפְּלָאזְן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, ווִי אֵיידֶער דִי שִׁידוּךְ פוּן אַ מִשְׁפָּחָה וָואס מֶען שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ דִי הָאר.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶערֶעדְט צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן. אֲפִילוּ אִין יַבְנְאֵל וָואס רוֹב רוּבָּם פוּן דִי אַיינְוואוֹינֶער זֶענֶען אָפְּשְׁטַאמִיגֶע פוּן סְפַרְדִי׳שֶׁע מִשְׁפָּחוֹת - הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶע׳פּוֹעֶל׳ט זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זִיךְ בַּארִימֶען מִיט דֶעם. מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - אִיז גֶעגַאנְגֶען אַמָאל קַיין יַבְנְאֵל מְחַזֵק זַיין דִי אִינְגֶעלַייט, אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַרוֹיס פוּן הִתְפַּעֲלוּת, אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט, דִי צְנִיעוּת בַּיי דִי פְרוֹיעֶן, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּוואוּנְדֶערְן אַז עֶס אִיז דָא אַ שְׁטֶעטְל וָואס אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען אָפְּגֶעשוֹירְן; אִיז אַוַדַאי זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ גֵיין צוּם שִׁידוּךְ וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע שְׁטוּבּ.

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן דִי פְרוֹי שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר, מֶען אִיז זוֹכֶה אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, מֶען אִיז זוֹכֶה אַז דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה רוּט אִין שְׁטוּבּ, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען לָאזְט דִי הָאר וַואקְסְן אוּן עֶס זֶעט זִיךְ אַרוֹיס דִי הָאר - אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג. דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): ׳תּוּנְבָא לֵיתֵי׳ אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, ׳עַל הַהוּא בַּר נָשׁ׳ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, ׳דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ׳ וָואס לָאזְט זַיין ווַייבּ, ׳דְתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר׳ אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען, ׳וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָהּ׳, אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. זָאגְט וַוייטֶער דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר: ׳וְאִתְּתָא דַאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר׳ אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, ׳לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ׳ זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, ׳גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא׳ אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, ׳וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא׳ אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, ׳וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא

בְּבֵיתָא׳ און זִי אִיז גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם און די נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. זָאגְט וַוייטֶער דֶער זֹהַר: ׳מַאן גָּרִים דָא?׳ וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? ׳הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר׳ די פְּרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.

גֵיי צום שִׁידוּךְ מִיט שִׂמְחָה, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא; וָואס מֵיינְט ׳אָפְּלָאזְן׳? ווי אִיז שַׁיָּךְ אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי׳ן? בְּלַייבּ לֶערְנֶען די סְפָרִים פון רֶבִּי׳ן, הֶעכְסְטְנְס וֶועסְטוּ פַּאר אַ שְׁטִיק צַייט נִישְׁט קוּמֶען דַאוְונֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; וֶועסְט וַוייטֶער לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה און זַיין דָבוּק צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן און שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז שֵׂכֶל, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט אַ פְּלַאץ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן נט) דֶער צַדִיק בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט אַלֶע זֶענֶען זוֹכֶה צוּ בְּלַייבְּן שְׁטַארְק, ״יֵשׁ כַּמָּה וְכַמָּה שֶׁנָּפְלוּ מִקְּדֻשָּׁתָם״, עֶס זֶענֶען דָא וָואס פַאלְן צוּרִיק, ״אַף עַל פִּי כֵן, מֵאֵלּוּ שֶׁנִּשְׁאֲרוּ בְּיִרְאָה שָׁלֵם״ - פון די בּוֹיט זִיךְ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, עַיֵּין שָׁם. הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז חִיזוּק צוּ בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, מִיט תְּפִילָה וְכוּ׳; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְּן און נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם, און אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן מִיט די וֶועג פון הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - וֶועסְטוּ גָאר מְקָרֵב זַיין די גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה; אַלֶע וָואס מֵיינֶען עֶפֶּעס אִיז שְׁלֶעכְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אַלֶע וֶועלְן מְקוֹרָב וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס טוּ אִיךְ אַז דֶער מְלַמֵד מַאכְט חוֹזֵק פון מַיין זוּן אַז עֶר זָאגְט מִשְׁנָיוֹת?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֵויס נִישְׁט ווי אַזוֹי צוּ שְׁרַייבְּן און ווי אַזוֹי צוּ פְרֶעגְן, וֶועל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן מִיט די מַעֲשֶׂה.

אִיךְ קוּם אַהֵיים אֵיין טָאג, מַיין ווייבּ זָעט אוֹיס אִינְגַאנְצְן דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן זִי דֶערְצֵיילְט מִיר אַז אוּנְזֶער אִינְגְל הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל מֶער נִישְׁט מַאכְן זַיינֶע סִיוּמֵי מִשְׁנָיוֹת אִין חֵדֶר, זִי הָאט אִים פְּרוּבִּירְט אַסַאךְ אוֹיסְצוּפְרֶעגְן אוּן פַאְרשְׁטֵיין וָואס עֶס שְׁטֶערְט אִים, בִּיז עֶר הָאט עֶנְדְלִיךְ דֶערְצֵיילְט אַז זַיין מְלַמֵד טְשֶׁעפֶּעט אִים כְּסֵדֶר וֶועגְן דִי מִשְׁנָיוֹת. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶר קֶען זָאגְן: "אַ קִינְד וָואס זָאגְט מִשְׁנָיוֹת קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען הוֹיךְ?" אָדֶער: "ווייל דוּ זָאגְסְט מִשְׁנָיוֹת, דַארְפְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט לֶערְנֶען?" אוּן דָאס גְלַייכְן נָאךְ אַסַאךְ, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס אַלֶעס אִיז בְּרַבִּים, אִין פָארְנְט פוּן אַלֶע קִינְדֶער אִין קְלַאס.

אִיךְ צִיטֶער זֵייעֶר וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ גֵייט עֶס וַוייטֶער אַזוֹי אָן - וֶועט דָאס קִינְד שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן מֶער אָנְקוּקְן דֶעם מִשְׁנָיוֹת, שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר קֶען נָאךְ בַּאקוּמֶען שְׁלֶעכְטֶע קָאשְׁמַארְן פוּנֶעם מִשְׁנָיוֹת, חַס וְשָׁלוֹם. אוּן בִּכְלַל אַלֶע לִימוּדִים וָואס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן מוֹהֲרָא"ש אוּן פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה; וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען צוּ לַאנְג חַס וְשָׁלוֹם בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ אָנְהוֹיבְּן שֶׁעמֶען מִיט דֶעם.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיר זֶענֶען אִים כְּסֵדֶר מְחַזֵק אוּן מְעוֹדֵד, מִיר זֶענֶען אָבֶּער זֵייעֶר בַּאזָארְגְט וִוי אַזוֹי דָאס וֶועט גֵיין וַוייטֶער, וִוי לַאנְג קֶען מֶען אַזוֹי אָנְגֵיין? מִיר צִיטֶערְן אַז עֶר וֶועט זִיךְ אָנְהוֹיבְּן שֶׁעמֶען מִיט אוּמַאן, מִיט הַפָּצָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן דֶעם זִיסְן לֶעבְּן וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן מוֹהֲרָא"ש אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה. וָואס זָאלְן מִיר טוּן? דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל אוּנְז בִּיטֶע אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיו.

גֵיי אַרִיבֶּער צוּם מְלַמֵד, רֶעד צוּ אִים. הוֹיבּ אָן מִיט גוּטְנְס, זָאג אִים וִוי צוּפְרִידְן דוּ בִּיסְט אוּן וִוי שְׁטַארְק דַיין זוּן הָאט לִיבּ צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר. פְּרֶעג אִים צִי עֶר אִיז צוּפְרִידְן פוּן דַיין זוּן, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ אַרַיינְגֵיין אִין אַ שְׁמוּעֶס מִיט אִים; אַז דַיין זוּן הָאט אַ גֶעפִיל אִין זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, אוּן אַז בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ אִיז דָאס דִי וֶועג, אוֹיבּ עֶר קֶען אִים מְחַזֵק זַיין אוּן אִים אוֹיפְהֵייבְּן, אוּן

חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צֶעקְלַאפְּן.

פְּרֶעג אִים אוֹיבּ עֶס שְׁטֶערְט אִים אַז דַיין זוּן זָאגְט מִשְׁנַיוֹת. זָאג אִים אַז דַיין זוּן קוּמְט אַהֵיים לֶעצְטְנְס אַז דֶער מְלַמֵד זָאגְט אִים יֶעדֶעס מָאל עֶפֶּעס אַ טְשֶׁעפֶּע אוֹיף מִשְׁנַיוֹת, בֶּעט אִים עֶר זָאל מֶער נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען. פְּרֶעג אִים, אוֹיבּ עֶר וִויל דֶערְמַאנֶען דַיין זוּן צוּ לֶערְנֶען, אוֹיבּ עֶר קֶען דָאס זָאגְן אָן אַוֶועק מַאכְן דָאס זָאגְן מִשְׁנַיוֹת; אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיפְהֶערְן טְשֶׁעפֶּען דַיין זוּן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַאכְן דִי סִיוּמִים פוּן דַיין קִינְד אִין שְׁטוּבּ אָדֶער מִיט חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וַוייל דִי וֶועלְט הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִינֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אוּן נִישְׁט אַלֶע מְלַמְדִים זֶענֶען מְחַנְכִים; עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְדִים וָואס וֶועלְן נָאר אוֹיסְלוֹיבְּן דִי קִינְדֶער אוֹיבּ זֵיי טוּעֶן וָואס זֵיי זָאגְן אוּן וָואס זֵיי הַאלְטְן וְכוּ', אוֹיבּ דֶער קִינְד וֶועט הָאבְּן אַ מִנְהָג טוֹב פוּן שְׁטוּבּ וָואס דֶער מְלַמֵד פִירְט זִיךְ נִישְׁט - וֶועט עֶר דָאס אַוֶועקְמַאכְן, דֶערִיבֶּער אִיז בֶּעסֶער אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיסְלוֹיבְּן דַיין קִינְד אִין שְׁטוּבּ.

מִן הַסְּתָם הָאסְטוּ גֶעזֶען וָואס מִיר טוּעֶן אִין אוּמַאן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר נֶעמֶען אַלֶע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן מֶען גֶעבְּט זֵיי כָּבוֹד, מֶען גֶעבְּט זֵיי דִי הַרְגָשָׁה אַז אַלֶע פַּאטְשְׁן, אַלֶע קְלַאפְּן פַאר זֵיי; אַזוֹי בַּאקוּמֶען זֵיי אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵים זַיין. אִיךְ טוּ דָאס אִין אוּמַאן וַוייל דָארְט קוּמֶען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוֹיךְ דִי וָואס שִׁיקְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער אִין בְּרֶסְלֶב, אוּן דִי וָואס וואוֹינֶען אִין פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס אִיז בִּיז דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט דָא קַיין מוֹסְדוֹת; כְּדֵי צוּ מְחַזֵק זַיין אַלֶע קִינְדֶער מִיט'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע דַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; נָאר תְּפִילָה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דִי עֵצָה פַאר גוּטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַלְס אִיד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק, אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים און פָאלְגְן וָואס מֶען רֶעדְט. עֶס הֶעלְפְט מִיר טַאקֶע אַסַאךְ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְן, עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט מִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בִּין אָבֶּער נָאכְאַלְץ פוּל מִיט שְׁאֵלוֹת און סְפֵיקוֹת וָואס אִיךְ זוּךְ עֶנְטְפֶערְס אוֹיף זֵיי, און דָאס מַאכְט מִיר אַסַאךְ יְסוּרִים; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוו צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער.

אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ ווִי אַ פַארְלוֹירֶענֶער, אֶפְשָׁר ווִיל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיךְ נִישְׁט הָאבְּן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? אָדֶער קֶען זַיין אַז עֶס אִיז בְּלוֹיז מְנִיעוֹת און עֶס אִיז מַיין נִסָיוֹן אוֹיף וָואס אִיךְ דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן? אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער ווִי אִיךְ שְׁטֵיי בַּיים עֶק פוּנֶעם שְׁטְרִיק און אִיךְ הַאלְט שׁוֹין אֶט אֶט בַּיים אַרָאפְּפַאלְן.

עֶס מַאכְט זִיךְ צַייטְן וָואס אִיךְ ווֵיין פַארְוָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַלְס גוֹי; אָן דִי אַלֶע אִינֶערְלִיכֶע שׁוּלְד גֶעפִילְן, אָן דִי פִילֶע סְפֵיקוֹת און קָווענְקְלֶענִישְׁן וָואס בְּרֶענֶען אִין מִיר און אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט טוּן אַלֶעס וָואס גְלוּסְט זִיךְ מִיר נָאר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", מִיט דֶעם אַלֵיינְס אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער - אִיז שׁוֹין גֶענוּג צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי צָדוֹק הַכֹּהֵן מִלוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר פְּרִי צַדִּיק (חַג הַשָׁבוּעוֹת, אוֹת יג), אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲשֶׂה. דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי בִּרְכוֹת הַשַׁחַר הוֹיךְ אוֹיפְ׳ן קוֹל, אֵיין טָאג הָאט עֶר פַארְפֶעלְט צוּ

זָאגְן דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", אִיז אֵיינֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בְּרָכָה, דִי בְּרָכָה פוּן 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי'", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט הַיינְט דִי בְּרָכָה! וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן קַיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶּ' וּמְחַזֵּק זַיין, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'אַ אִיד בִּין אִיךְ דָאךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי', אוּן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבּ אִיךְ מִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי', מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען".

וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט דִיר? בִּיסְטוּ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַזַא עַצְבוּת אַז דוּ ווִילְסְט זַיין אַ גוֹי?! דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ וֵויינְסְט דוּ ווִילְסְט זַיין אַ גוֹי - אַזוֹי קֶען מֶען אַלֶעס טוּן, אוּן אַלְס אִידִישׁ קִינְד - קֶענְסְטוּ נִישְׁט טוּן וָואס דוּ ווִילְסְט; וָואס אִיז מִיט דִיר? וָואס קֶענְסְטוּ יֶעצְט נִישְׁט טוּן אַלְס אִיד?! אַ אִיד אִיז דָאךְ אַ קִינְד פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר הָאבְּן אַ טַאטֶע וָואס זָאגְט אוּנְז צוּ טוּן זַאכְן וָואס אִיז גוּט פַאר אוּנְז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נָאר גוּטְס פַאר אוּנְז; מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶעשְׁטְרָאפְט מִיט דֶעם וָואס מִיר הָאבְּן דִי תּוֹרָה, מִיר זֶענֶען גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט דִי תּוֹרָה.

אִיךְ ווִיל דִיךְ פְרֶעגְן, וֶוען דַיינֶע קִינְדֶער וֵויינֶען אַז דוּ לָאזְט זֵיי נִישְׁט קְרִיכְן בַּיים פֶענְסְטֶער, אוּן דוּ לָאזְט זֵיי נִישְׁט טוּן אַנְדֶערֶע נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן - טְרַאכְטְן זֵיי אוֹיךְ 'אַ שָׁאד מִיר הָאבְּן אַ טַאטֶע וָואס לָאזְט אוּנְז נִישְׁט קְרִיכְן בַּיים פֶענְסְטֶער, אוּן ווִי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען דִי קִינְדֶער יְתוֹמִים וָואס קֶענֶען טוּן וָואס זֵיי ווִילְן'? אָדֶער וֶוען דִי קִינְדֶער ווִילְן בְּלַייבְּן אִין גַאס בַּיינַאכְט אוּן דוּ הָאסְט רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי, וֵויינֶען זֵיי אוֹיךְ אוֹיף דֶעם וָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט טוּן וָואס זֵיי ווִילְן? אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל וֶועט זָאגְן: 'טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, עֶנְקֶער טַאטֶע הָאט עֶנְק לִיבּ, עֶר ווִיל עֶנְק זָאלְן נִישְׁט אַרוֹיסְפַאלְן פוּן פֶענְסְטֶער אוּן עֶנְק זָאלְן אַהֵיים קוּמֶען צַייטְלִיךְ, אִיר זָאלְט נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ סַכָּנוֹת, וָואס וֵויינְט אִיר קִינְדֶערְלֶעךְ...?' דָאס אִיז נָאר אַ שְׁטִיקֶל מָשָׁל, אַ אִיד אִיז דָאךְ אַ קִינְד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע

פֶּעלְקֶער, דֶערִיבֶּער זָאגְט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער 'טוּ נָאר זַאכְן וָואס וֶועט זַיין גוּט פַאר דִיר'.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (תַּנְחוּמָא שְׁמִינִי, ו) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים ד, ד): "'וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם', מָשָׁל לְמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה, לְרוֹפֵא שֶׁהָלַךְ לְבַקֵּר שְׁנֵי חוֹלִים", עֶס אִיז צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ אַ דָאקְטֶער וָואס צְוֵויי קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן, דֶער דָאקְטֶער בַּאקוּקְט זֵיי בֵּיידֶע, "רָאָה אֶחָד מֵהֶם שֶׁהָיָה בְּסַכָּנָה", אֵיינֶער אִיז אִין אַ סַכָּנָה, עֶר גֵייט סַיי וִוי שְׁטַארְבְּן, "אָמַר לִבְנֵי בֵיתוֹ" זָאגְט דֶער דָאקְטֶער פַאר דִי מִשְׁפָּחָה: "תְּנוּ לוֹ כָּל מַאֲכָל שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ", גֶעבְּט אִים צוּ עֶסְן אַלֶעס וָואס עֶר בֶּעט. "רָאָה הָאֶחָד שֶׁעָתִיד לִחְיוֹת", דֶער דָאקְטֶער אַז זֶעט דֶער צְוֵוייטֶער גֵייט וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט, עֶר גֵייט לֶעבְן, "אָמַר לָהֶם", זָאגְט עֶר פַאר דִי מִשְׁפָּחָה: "כָּךְ וְכָךְ מַאֲכָל יֹאכַל וְכָךְ וְכָךְ לֹא יֹאכַל", גֶעבְּט אִים נִישְׁט צוּ עֶסְן אַלֶעס, נָאר דִי אוּן דִי עֶסְן. "אָמְרוּ לָרוֹפֵא, מַה זֶּה", פְרֶעגְט מֶען דֶעם דָאקְטֶער, וָואס גֵייט דָא פָאר, "לָזֶה אַתָּה אוֹמֵר יֹאכַל כָּל מַאֲכָל שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ, וְלָאַחֵר אָמַרְתָּ לֹא יֹאכַל כָּךְ וְכָךְ", אֵיינֶעם לָאזְט מֶען יָא עֶסְן אַלֶעס אוּן דֶער צְוֵוייטֶער מֶעג נִישְׁט עֶסְן אַלֶעס? "אָמַר לָהֶם הָרוֹפֵא", זָאגְט דֶער דָאקְטֶער: "לְזֶה שֶׁהוּא לְחַיִּים, אָמַרְתִּי לוֹ זֶה אֱכֹל וְזֶה לֹא תֹּאכַל", דֶער חוֹלֶה גֵייט לֶעבְן דַארְף עֶר זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס עֶר עֶסְט, "אֲבָל אוֹתוֹ שֶׁהוּא לְמִיתָה, אָמַרְתִּי לָהֶם, כָּל מַה שֶּׁהוּא מְבַקֵּשׁ תְּנוּ לוֹ, שֶׁאֵינוֹ לְחַיִּים", אָבֶּער דֶער וָואס גֵייט סַיי וִוי שְׁטַארְבְּן - קֶען עֶסְן וָואס עֶר ווִיל.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "יִשְׂרָאֵל שֶׁהֵם לְחַיִּים", אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס בְּלַייבְּן לֶעבְּן, "אָמַר לָהֶם" זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "'וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים כִּי קָדוֹשׁ אָנִי', 'אַל תְּשַׁקְּצוּ אֶת נַפְשׁוֹתֵיכֶם', 'אֶת זֶה תֹּאכְלוּ', 'וְאֶת זֶה לֹא תֹּאכֵלוּ', 'לֹא תִּטַּמְּאוּ בָּהֶם וְנִטְמֵתֶם בָּם', לָמָּה", פַארְוָואס, "שֶׁהֵם לְחַיִּים", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם, חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם".

בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דוּ זָאלְסְט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעט נָאר אוֹיף

**דִי זַאךְ, אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה; בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קוּמְט מֶען צוּ אֱמוּנָה.**

**שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

**וָואס מֵיינְט דָאס וָוארְט וְדוֹ״ק?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אוּם שַׁבָּת הָאט מֶען גֶעלֶערְנְט בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל אִין סֵפֶר פְּעוּלַת הַצַדִיק סִימָן תשכ"ט, אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָארֶעוֶועט פַאר דִיר", אוּן אוּנְטְן אִין דִי הֶעָרָה אִיז מוֹהֲרָא"שׁ דָאס מַסְבִּיר אוּן עֶנְדִיגְט צוּ "וְדוֹ"ק וְדוֹ"ק", הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס מֵיינְט דָאס וָוארְט "וְדוֹ"ק"?

נָאךְ אַ זַאךְ, וַוייטֶער אִין סִימָן תש"ל אִין דִי הַגָּהָה שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיף דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק אַ' סִימָן רפ"ב אַז דִי תּוֹרָה אִיז מְבֹאָר בַּאֲרִיכוּת אִין סֵפֶר שְׂפַת הַנַּחַל אוֹיף דִי תּוֹרָה, אָבֶער פַאקְטִישׁ גֵייט דֶער סֵפֶר שְׂפַת הַנַּחַל נָאר בִּיז סִימָן נ"ז אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבָה וּמְתִיבְתָּא הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין קְרַאסְנִי, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: ״פַארְוָואס בִּיסְטוּ מָרָה שְׁחוֹרָה? הָאסְט חֲרָטָה אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן?״ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: ״נֵיין״, פְּרֶעגְט אִים דֶער רֶבִּי: ״נוּ אוֹיבּ אַזוֹי וָואס בִּיסְטוּ מָרָה שְׁחוֹרָה?״ זָאגְט**

רֶבִּי נָתָן: "אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", פְרֶעגְט אִים דֶער רֶבִּי: "נוּ, וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ זָארְגְן?!" אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים: "דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָארֶעוֶועט פַאר דִיר; דֶער פָארְט קַיין בְּרֶעסְלָא, אוּן דֶער פָארְט דָארְט, אַלֶעס נָאר פַאר דִיר"; מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט אִים דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מְחַיֶּ' גֶעוֶועְן. קוּק נָאךְ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִין סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִיק, אוֹת תשכ"ט.

מוֹהֲרָא"ש גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין, וָואס הָאט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט רֶבִּי נָתָן? וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִין דִי וֶועלְט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שע): "וֶוען נִישְׁט רֶבִּי נָתָן וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן מִיר קַיין שֵׁמוֹת בְּלֶעטְל"; וֶוען נִישְׁט רֶבִּי נָתָן וָואלְט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעוְוּיסְט פוּן רֶבִּי'ן, עֶס וָואלְט גֶעבְּלִיבְּן אַ סוֹד. רֶבִּי נָתָן הָאט מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי וֶועלְט דִי עֵצוֹת וָואס מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט מְגַלֶּה זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן רסו): "צְוִוישְׁן מִיר אוּן מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁטָא קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד, וָואס אִיךְ זָאג וֶועט מָשִׁיחַ זָאגְן"; קוּמְט אוֹיס אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אִיז אַלֶעס פַאר אִים.

וְדוֹ"ק אִיז מִלָּשׁוֹן וְדַיֵּיק, קְלֶער גוּט אַרַיין וָואס דָא שְׁטֵייט; דָאס אִיז אַן אוֹיסְדְרוּק וָואס מֶען שְׁרַייבְּט וֶוען מֶען וִויל מֶען זָאל צוּלֵייגְן קָאפּ צוּ וָואס עֶס שְׁטֵייט.

אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע וְכוּ'; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן נִישְׁט אַלֶעס אִיז שׁוֹין גֶעדְרוּקְט, מִיר הָאפְן אוּן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן אָפְּדְרוּקְן אַלֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**פַארְוָואס כַאפְּט מֶען זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ צוּ צוּ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע סְגוּלוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן אֵיין וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: ״בַּאשֶׁעפֶּער״, זָאג: ״אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ וִויל זַיין גוּט״, ״אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ וֶועל מֶער נִישְׁט טוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן״; מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

עֶס אִיז אַזוֹי גְרִינְג אוּן אַזוֹי זִיס זִיךְ אוּמְצוּקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיט אֵיין וָוארְט, מִיט אֵיין קְרֶעכְץ, אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע - קֶען מֶען אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, נָאר ווִיבַּאלְד מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְיוּאָשׁ, מֶען טְרַאכְט ׳וָואס וֶועט מִיר דִי וָוארְט הֶעלְפְן? וָואס קֶען מִיר דִי וָוארְט הֶעלְפְן?׳ דֶערִיבֶּער הַאלְט מֶען זִיךְ צוּרִיק דֶערְפוּן, אוּן מֶען זוּכְט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע תִּיקוּנִים.

עֶס אִיז גְרִינְגֶער אָנְצוּנֶעמֶען צוּ טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת - ווִי אָנְצוּנֶעמֶען אַז רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת - אִיז מְתַקֵן אוּן מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ״ל הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען תִּיקוּנִים פַאר עֲבֵירוֹת. אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - דַארְף עֶר פַאסְטְן פ״ד תַּעֲנִיתִים. דָאס אִיז טַאקֶע אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ טוּן; קוֹים וָואס מִיר קֶענֶען פַאסְטְן אֵיין פַאסְט-טָאג, וֶוער קֶען פַאסְטְן פִיר אוּן אַכְצִיג תַּעֲנִיתִים... דָאךְ אִיז

דָאס נָאכְאַלְץ גְרִינְגֶער פַארְן מֶענְטְשׁ צוּ טוּן, וַוייל עֶר שְׁפִּירְט ווִי עֶר טוּט עֶפֶּעס. ווִידֶער, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, טְרַאכְט עֶר 'וָואס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעטוּן? וֶועט מִיר דֶער פֶּרֶק הֶעלְפְן?' 'וָואס קֶען שׁוֹין גֶעשֶׁען וֶוען מֶען זָאגְט אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת מִיט אַ בְּלַאט גְמָרָא?' וָואס קֶען שׁוֹין זַיין אַז אִיךְ וֶועל זָאגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפָּאר וֶוערְטֶער, 'אִיךְ ווִיל זַיין גוּט', אוּן 'אִיךְ גֵיי זַיין גוּט'?

דֶערְפַאר וֶועסְטוּ זֶען מֶענְטְשְׁן כַאפְּן זִיךְ צוּ צוּ גֶעוִויסֶע סְגוּלוֹת, ווִי דִי צֶענְטֶע חוֹדֶשׁ אִין דִי צֶענְטֶע טָאג זָאלְן קוּמֶען צֶען מֶענְטְשְׁן אוּן זָאגְן דִי צֶענְטֶע קַאפִּיטְל דִי צֶענְטֶע פָּסוּק אִין דִי צֶענְטֶע אָטֶעם; וַוייל עֶס אִיז גְרִינְגֶער פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דֶעם ווִי מֶען זָאל גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, ווִי גְלֵייבְּן אִין אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִים, אִין אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַיינְט נַאכְט וֶועל אִיךְ גֶעבְּן דִי וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר אִין לֶעיקְוָואד אִין אוּנְזֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

דִי וָואךְ שַׁבָּת בִּין אִיךְ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דַארְף בַּאצָאלְן שְׂכַר לִימוּד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר זֵייעֶר בֶּעטְן נָאכְאַמָאל, וֶועגְן שְׂכַר לִימוּד; הֶעלְף מִיר, שְׁטֵיי נִישְׁט פוּן דֶער זַייט, שְׁפִּיל נִישְׁט שֵׁיינֶער אִיד. טֵיילְסְט צְדָקוֹת רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס, מַאכְסְט זִיךְ דַיין דִירָה שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער אוּן וֶוען מֶען בֶּעט שְׂכַר לִימוּד - מַאכְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג.

שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט קַיין נְדָבָה, שְׂכַר לִימוּד אִיז אַ חִיוּב; מִן הַתּוֹרָה הָאסְטוּ אַ מִצְוָה צוּ לֶערְנֶען פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אָדֶער דִינְגֶען אַ מְלַמֵד פַאר זֵיי; שְׁטֶעלְן אַ שְׁלִיחַ זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי בַּאצָאלְן.

אַז מֶען שְׁפִּילְט מִיט שְׂכַר לִימוּד, וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים? אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט שְׂכַר לִימוּד - אִיז דָאס גְנֵיבָה וּגְזֵילָה, אוֹיךְ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער; אִיךְ זָאג דִיר נָאר וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט.

מִיר הָאבְּן גֶעהֶעכֶערְט פַּאר דִי מְלַמְדִים זֵייעֶר גֶעהַאלְט; דִי אַלֶע מְלַמְדִים וָואס אַרְבֶּעטְן שׁוֹין אַפָּאר יָאר אוּן זֵיי הָאבְּן מִשְׁפָּחוֹת - הָאבְּן מִיר יֶעצְט גֶעהֶעכֶערְט מִיט אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם, אוּן דִי לָאךְ וֶוערְט גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער.

מִיר בֶּעטְן וֵויינִיג שְׂכַר לִימוּד וַוייל מִיר וִוילְן נִישְׁט שְׁוֶוער מַאכְן פַּאר דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶּער אַז דוּ זוּכְסְט אַ גוּטֶע צְדָקָה צְוֶועק - קֶענְסְטוּ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד, דִי פְּרַייז וָואס מֶען וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט בֶּעטְן. אוֹיךְ קֶענְסְטוּ אֶפְשָׁר בַּאצָאלְן פַּאר קִינְדֶער וָואס קֵיינֶער צָאלְט נִישְׁט.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ וִויסְנְדִיג מַאכְן אוּן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד צָאלְן מְלַמְדִים, טִיטְשֶׁערְס אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין צַייט.

...

## זִיךְ פִירְן מִיט צְנִיעוּת אִין אָפִיס, אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

גֶעבְּט זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג אִין אָפִיס וואוּ אִיר אַרְבֶּעט זִיךְ צוּ פִירְן אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן. וֶוען אִיר דַארְפְט רֶעדְן צוּם בַּעַל הַבַּיִת, זָאלְט אִיר רֶעדְן בִּלְשׁוֹן רַבִּים: "אִיר הָאט גֶעזָאגְט", "עֶנְק ווילְן מַאכְן אַנְדֶערְשׁ", "עֶנְק וִוילְן זֶען וָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט?" נִישְׁט "דוּ". אוֹיךְ זָאלְט אִיר נִישְׁט קוּקְן אִין דִי אוֹיגְן אַרַיין, נָאר קוּקְן זַייטִיג וְכוּ'.

הַאלְטְס זִיךְ רֵיין, הַאלְטְס זִיךְ אֵיידְל - וֶועט אִיר הָאבְּן קִינְדֶער צַדִיקִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידְל - וֶועט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

אַייעֶר שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אַ עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ, אַן עֶרְלִיכֶער מַאן, אַן עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן, אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

מַאךְ דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִיט חָכְמָה אוּן מִיט שֵׂכֶל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט לִיבּ דִי קַבָּלָה שְׁפְּרַאךְ, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אוֹיף דֶעם שְׁפְּרַאךְ.

דִי מִדָּה פוּן תִּפְאֶרֶת אִיז דִי מִיטְל וֶועג, דִי מִדָּה שְׁטֵייט אִינְמִיטְן פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֵויי מִידוֹת - חֶסֶד אוּן גְבוּרָה. 'חֶסֶד' אַלֵיינְס, אִיז דַיין פְרַאגֶע אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט גֶעבְּן דֶעם גַאסְט אַ שְׁלִיסְל פוּן דַיין פְּרִיוַואטֶע דִירָה, עֶר זָאל קוּמֶען אוּן גֵיין, זִיךְ דְרֵייעֶן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אוּנְטֶער דִי פִיס; דָאס אִיז נִישְׁט גוּט. ווִידֶער דִי מִדָּה פוּן 'גְבוּרָה' אַלֵיינְס, אִין דַיין פַאל - נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען בִּכְלַל קַיין גֶעסְט - אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גוּט; מֶען מוּז טוּן דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, בִּפְרַט אַ שְׁוָואגֶער, דַיין וַוייבְּ'ס אַ בְּרוּדֶער, אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר וְכוּ', דַארְף מֶען אַרַיינְנֶעמֶען; אִיז וָואס אִיז יָא דֶער וֶועג? דִי מִדָּה פוּן תִּפְאֶרֶת אִיז דֶער וֶועג; מֶען מִישְׁט חֶסֶד מִיט גְבוּרָה, דָאס אִיז שְׁלֵימוּת, אַבִּיסְל פוּן דֶעם אוּן אַבִּיסְל פוּן דֶעם, מֶען טוּט חֶסֶד מִיט אַ צִמְצוּם.

זָאג אִים עֶר קֶען קוּמֶען צוּ אַייךְ אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן בַּיינַאכְט, אוּן אוֹיךְ מִיט אַ צִמְצוּם; נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זָאלְסְטוּ זָאגְן: "אַ גוּטֶע נַאכְט", אוּן אִים זָאגְן: "מִיר גֵייעֶן שׁוֹין שְׁלָאפְן"; נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ קוּמֶען אַ גַאנְצְן טָאג זִיצְן אוֹיף דַיין וַוייבְּ'ס קָאפּ. זָאג אִים קְלָאר אַז עֶר קֶען קוּמֶען אִין דִי אוּן דִי צַייט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל פַארְנַאכְטְס. מַאךְ דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִיט חָכְמָה אוּן מִיט שֵׂכֶל.

גֵיי הֲפָצָה, גֵיי פַארְשְׁפְּרֵייט פַאר נָאךְ אִינְגֶעלַייט דִי שֵׂכֶל, חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת

פוּן רֶבִּי'ן. שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט מְקוּרָב, דוּ בִּיסְט נָאךְ אַ צֶעמִישְׁטֶער, דוּ בִּיסְט נָאךְ אַ פַארְלוֹירֶענֶער, וָואלְסְטוּ דָאךְ גֶעוָואלְט אֵיינֶער זָאל דִיר קוּמֶען אוּנְטֶערְשְׁטוּפְּן אַ סֵפֶר, אַ קוּנְטְרֵס, אַ נוּמֶער וואוּ צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט טוּן מִיט אַנְדֶערֶע אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים?

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִיר.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט וַוייטֶער שְׁטַארְק מִיט דַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם; דוּ לֶעבְּסְט מִיט אֱמוּנָה, דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, דוּ גֵייסְט אָן מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ; דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל דִיר שׁוֹין שִׁיקְן דַיין יְשׁוּעָה.

...

### שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס דִי עֶלְטֶערְן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ו כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת?" הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "צוּמָאל בִּין אִיךְ פְרוּם"; הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "נֵיין, שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ".

דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ שַׁבָּת, "כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", וַוייל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבָּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה'", מֶען טָאר נִישְׁט זַיין טְרוֹיעֶרִיג שַׁבָּת אוּן נִישְׁט זַיין פַארְזָארְגְט שַׁבָּת, נָאר פְּרֵיילִיךְ.

שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים, שַׁבָּת זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי פוּן אֱמוּנָה, שְׁמוּעֶס מִיט דַיינֶע קִינְדֶער פוּן צַדִּיקִים. אוֹיפְן וֶועג צוּם שׁוּל אוּן אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים - אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן צַדִּיקִים, אוֹיךְ בַּיי דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ אוּן זֵיי פְּרֵיילִיךְ מַאכְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים לז:) שַׁבָּת זָאל מֶען נִישְׁט שִׁיקְן דִי קִינְדֶער צוּם מְלַמֵּד לֶערְנֶען נַייעֶ לִימוּדִים וָואס דִי קִינְדֶער הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט: "מִשּׁוּם דְּיָפְנוּ אֲבָהַתְהוֹן דְּיָנוּקֵי לְמִצְוָתָא דְּשַׁבְּתָא", וְוִי דֶער רַ"ן אִיז מַסְבִּיר: "שֶׁאֲבוֹת הַתִּינוֹקוֹת פּוֹנִין לְמִצְוַת שַׁבָּת, וּמִשְׁתַּעְשְׁעִין עִם הַתִּינוֹקוֹת, וְאִם יִקְרְאוּ הַתִּינוֹקוֹת לְכַתְּחִלָּה, יָחוּשׁוּ לְבִטּוּלָם", וַוייל שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס דִי עֶלְטֶערְן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוּן הָאבְּן אַן עֹנֶג שַׁבָּת מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אַז מֶען וֶועט לֶערְנֶען נַייעֶ גְּמָרוֹת, נַייעֶ הֲלָכוֹת - וֶועט זִיךְ עֶס פַארְצִיעֶן, אוּן דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין עֹנֶג שַׁבָּת מִיט דִי קִינְדֶער; זֶעט מֶען אַז שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס עֶלְטֶערְן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

אַ פְּרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

**אַז מֶען דְרֵיידְט זִיךְ מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים, וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת ה'תשפ"ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם זִיךְ גוּטֶע חֲבֵרִים, עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כ): "הוֹלֵךְ אֶת חֲכָמִים יֶחְכָּם", אַז מֶען גֵייט צוּם חָכָם וֶוערְט מֶען אַ חָכָם, "וְרֹעֶה כְסִילִים יֵרוֹעַ", אוּן אַז מֶען דְרֵיידְט זִיךְ מִיט נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן - וֶוערְט מֶען אַ נַאר; זוּךְ דִיר אוֹיף גוּטֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; וַוייל אַז מֶען דְרֵיידְט זִיךְ מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים - וֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט מִשְׁלֵי, רֶמֶז תתקנ) אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרַיין אִין אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן גוּטֶע בְּשָׂמִים (פֶּערְפְיוּם), אֲפִילוּ עֶר קוֹיפְט נִישְׁט קַיין בְּשָׂמִים - קְלֶעבְּט זִיךְ אָן אִין אִים אַ גוּטֶע גֶערוּךְ, עֶס גֵייט אַרַיין אִין זַיינֶע קְלֵיידֶער אַ גוּטֶע שְׁמֶעק.

וַואשׁ זִיךְ יֶעדֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת צוּ סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה מִיט דַיין וַוייבּ. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה אִיז מְסוּגָל פַאר אַ גְרִינְגֶע לֵידָה. אוֹיךְ אִיז מְלַוֶּה מַלְכָּה אַ סְגוּלָה מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי סִטְרָא אַחֲרָא.

אַ גוּטֶע וָואךְ.

...

**טוּ וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר, זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט גֶטְ'ן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ טוּן וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר - זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט גֶטְ'ן, וָואס אִיז דִי שְׁאֵלָה? עֶס אִיז דָאךְ אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער, דִי אוּמְשׁוּלְדִיגֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ; זֵיי וֶועלְן דָאךְ וֶוערְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ אַז עֶס וֶועט זַיין אַ גֶט, חַס וְשָׁלוֹם.

רֶעד צוּ דַיין שְׁוָואגֶער, זַיי אִים מְשַׁכְנֵעַ עֶר זָאל נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁטוּבּ,

און רֶעד אויךְ צוּ דַיין שְׁוֶועסְטֶער - זִי זָאל נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁטוּב; זֵיי זָאלְן דָאס נִישְׁט טוּן פַאר דִי קִינְדֶער, עֲשֵׂה לְמַעַן יוֹנְקֵי שָׁדַיִם שֶׁלֹּא חָטְאוּ, עֲשֵׂה לְמַעַן גְּמוּלֵי חָלָב שֶׁלֹּא פָּשְׁעוּ.

דוּ וֵוייסְט אַוַודַאי וָואס מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אויף דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (גִּיטִּין צ:): "כָּל הַמְגָרֵשׁ אֶת אִשְׁתּוֹ, אֲפִילּוּ מִזְבֵּחַ מוֹרִיד דְּמָעוֹת", וֶוען מֶען גֵט זִיךְ וֵויינְט דֶער מִזְבֵּחַ; פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"ש, וָואס עֶפֶּעס דִי מִזְבֵּחַ, פַארְוָואס נִישְׁט דִי מְנוֹרָה, דִי שֻׁלְחָן און דִי אָרוֹן? נָאר דִי מִזְבֵּחַ וֵויינְט, דִי מִזְבֵּחַ זָאגְט: "מֶען שֶׁעכְט שׁוֹין גֶענוּג קָרְבָּנוֹת און מֶען אִיז זֵיי מַקְרִיב אויף מִיר, וָואס טוּט אִיר דָא? אִיר שֶׁעכְט דִי קִינְדֶער!" קִינְדֶער פַאלְן קָרְבָּנוֹת בַּיי אַ גֶט.

אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר זֵיי דָאס לֶעבְן - אִיז גֶט'ן נִישְׁט דִי עֵצָה זִיךְ גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן; קֶען מֶען דֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי שְׁוֶועריקַייטְן וָואס אִיז דָא אויף דִי וֶועלְט? דִי וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק שְׁוֶועריקֵייט; נָאר וָואס דֶען אִיז דִי עֵצָה? דִי עֵצָה אִיז - טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, טוּן וָואס אִיז רָצוֹן הַשֵּׁם.

וואוֹיל אִיז דֶער וָואס הָאט אַ חֵלֶק אָפְּצוּהַאלְטְן אַ גֶט.

אַ גוּטֶע וָואךְ.

...

### פַארְגֶעס נִישְׁט דַיין זֶעקְל סְפָרִים, נֶעם עֶס מִיט דִיר וואוּ דוּ גֵייסְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, טְרָאג מִיט זִיךְ אַ זֶעקְל סְפָרִים צֵדָה לַדֶּרֶךְ; אַ חוּמָשׁ'ל מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת'ל, אַ תְּהִלִּימְ'ל מִיט אַ גְמָרָא; עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל צַייט אִין טָאג.

הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין שְׁטֶעטְל אַהִין און צוּרִיק, מִיר הָאבְן גֶעהַאט אַ מַעֲמַד קְבִיעַת מְזוּזָה אִינֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה מִיט דִי אִינְגֶעלַייט

וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן קוֹיפְן דֶעם בִּנְיָן, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אַ צְוֵויי מִנְיָנִים אִינְגֶעלַייט. אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַיינְגֶעפַּאקְט אַפָּאר סְפָרִים, הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט לֶערְנֶען מַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; חַ"י פְּרָקִים מִיט אַ יוֹם תְּהִלִים. אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן, נֶעם זִיךְ מִיט דַיין זֶעקְל סְפָרִים - וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ד): "אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפָּנֶה אֶשְׁנֶה, שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה", זָאג נִישְׁט 'וֶוען אִיךְ וֶועל הָאבְּן צַייט, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען', קֶען זַיין דוּ וֶועסְט נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ הָאבְּן צַייט; נָאר אַז מֶען גַנְבְ'עֶט אַרָאפּ צַייט, מֶען כַאפְּט אַרַיין דָא אַבִּיסְל לֶערְנֶען אוּן דָארְט אַבִּיסְל לֶערְנֶען - אַזוֹי קֶען מֶען לֶערְנֶען.

הַיינְט נַאכְט אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, דֶער חָתָן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה אוּן דִי כַּלָה אַ תַּלְמִידָה, בֵּיידֶע זֶענֶען צוּפְרִידְן חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט קוּמֶען קוּקְן מִיט דַיינֶע אוֹיגְן דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה - וֶועסְטוּ זֶען אוּן זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן אַז עֶס פֶּעלְט גָארְנִישְׁט פַּאר דִי חֲתוּנוֹת; דִי חֲתוּנוֹת זֶענֶען מָלֵא טַעַם, אַ אִידִישֶׁע טַעַם, אַ אִידִישֶׁע שִׂמְחָה. וֶוען מֶען הֶערְט עֶס פוּן שְׁמוּעֶסְן קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז עֶס אִיז אַ נֶעבֶּעכְדִיגֶע זַאךְ, אָבֶּער וֶוען מֶען זֶעט עֶס מִיט דִי אוֹיגְן - זֶעט מֶען אַז מַאכְן טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת אִיז אַ נֶעבֶּעכְדִיגֶע זַאךְ. אַ שָׁאד אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַּאר דִי פָּאר שָׁעָה, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט, מֶען מַאכְט חוֹבוֹת פַּאר אַפָּאר שָׁעָה, אִיז עֶס מַמָּשׁ אַ נֶעבֶּעכְדִיגֶע זַאךְ.

עֶלְטֶערְן פַאלְן פוּן דִי כֹּחוֹת, עֶלְטֶערְן וֶוערְן קְרַאנְק פוּן חוֹבוֹת, אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן יָא גֶעלְט - קֶענֶען דָאס נוּצְן צוּ הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער מִיט אַ הוֹיז, וְכַדוֹמֶה.

פַּארְגֶעס נִישְׁט דַיין זֶעקְל סְפָרִים, נֶעם עֶס מִיט דִיר וואוּ דוּ גֵייסְט - וֶועסְטוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען דַארְף זִיךְ כְּסֵדֶר רֵיינִיגְן, עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְזַאמְלֶען שְׁמוּץ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוֹיף אַלֶע דַיינֶע מִידוֹת אוּן תַּאֲווֹת; אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף רֵיינִיגְן יֶעדְן טָאג דִי שְׁטוּב, אַז נִישְׁט קֶען מֶען נָאכְדֶעם נִישְׁט אַרֵיינְגֵיין, עֶס זַאמְלְט זִיךְ אָן שְׁמוּץ וְכוּ׳ וְכוּ׳ - אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיסְרֵיינִיגְן אַלֶע אֵבָרִים, אַלֶע מִידוֹת, אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט.

מַאךְ אַ מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת; אִין אֵיין מִינוּט קֶען מֶען זִיךְ אוֹיךְ גוּט אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן. גֵיי אִין אַ זַייט פַאר אֵיין מִינוּט אוּן רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פַארְוָואס זָאלְט אִיר טְרַאכְטְן אִיר זֶענְט נִישְׁט אַ גוּטֶע מַאמֶע?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ׳; פַארְוָואס זָאלְט אִיר טְרַאכְטְן אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט אַ גוּטֶע מַאמֶע? וָואס אִיז שׁוֹין דָא צוּ זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע פַאר אַ פִּיצְל קִינְד פוּן אַ יָאר?!

דִי מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען פוּן דֶער יֵצֶר הָרָע; עֶר קוּמְט צוּ יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת, מֶען פַּיינִיגְט זִיךְ: ׳אִיךְ בִּין נִישְׁט אַ גוּטֶע מַאמֶע׳, ׳אִיךְ בִּין נִישְׁט גוּט פַאר מַיינֶע קִינְדֶער׳; בִּיז מֶען וֶוערְט שְׁוַואךְ אוּן מֶען קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין וְכוּ׳.

קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט, אִיר זֶענְט אַ גוּטֶע מַאמֶע, אוּן אַז אֵיינֶער זָאגְט אַייךְ עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס - זָאלְט אִיר נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט; מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אַייךְ וְכוּ׳.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן מַיין קָאפּ בִּיז מַיין פִיס - אַז אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד, אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי בִּיטֶערְקֵייט אוּן פוֹילְקֵייט, אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן בִּזְכוּת הַשִּׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין נִכְלָל צוּ וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ זָאל זֶען אוּן שְׁפִּירְן ווִי דוּ בִּיסְט אַלֶעס, אוּן עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיינְס, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז מְתַקֵּן זַיין מִיט דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקּוּנִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף אוּנְזֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין בְּרַאכְפֶעלְד, אִיךְ וֶועל אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי גַבָּאִים וָואס אַרְבֶּעטְן אַרַיין מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ לְטוֹבַת דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ - דִי שֵׁיינֶע גְרוּס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּרוּדֶער, מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס גֵייט פַאר אוּנְז, מִיר הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ זָארְגְן. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט גְלַייךְ פַארְן הִסְתַּלְּקוּת (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה): "מַה לָּכֶם לִדְאֹג", וָואס הָאט אִיר צוּ זָארְגְן, "מֵאַחַר שֶׁאֲנִי הוֹלֵךְ לִפְנֵיכֶם", אַז אִיךְ גֵיי פַאר אַייךְ; דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז מְתַקֵּן זַיין מִיט דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקּוּנִים, מִיר דַארְפְן נָאר בְּרֶענְגֶען שְׁטֵיינֶער אוּן וַואפְנֶע, אוּן דֶער רֶבִּי בּוֹיט פוּן דֶעם בִּנְיָנִים נוֹרָאִים (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצג).

אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ' מִיט דַיינֶע בְּרִיוו; שְׁרַייבּ נָאךְ, הַאלְט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק פוּן שְׁרַייבְּן בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט קַיין אָפִּיס

**בְּעֶזְרַת הַ' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

זֵייעֶר גוּט אַז אִיר בְּרֶענְגְט נִישְׁט מֶער אַהֵיים דִי טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ; הַאלְט אַייךְ שְׁטַארְק מִיט דֶעם - וֶועט אַייעֶר מַאן אוֹיךְ זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם.

דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט קוּמֶען צוּ אַייךְ מִיט טוֹיזְנְט פְּשֶׁעטְלֶעךְ אַז עֶס לוֹינְט יָא עֶס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ; עֶרְשְׁטְנְס, וֶועט אִיר קֶענֶען שִׁיקְן פְּרַאגֶעס פַּארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה. צְוֵוייטְנְס, וֶועט אִיר קֶענֶען נוּצְן דִי טֶעלֶעפָאן פַאר דָאס אוּן פַאר יֶענְץ; דָאךְ זָאלְט אִיר בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דִי קַבָּלָה נִישְׁט צוּ מַאכְן אַן אָפִּיס אִין שְׁטוּבּ. אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט קַיין אָפִּיס; אָפִּיס אִיז אֵיין זַאךְ אוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אִיז גָאר עֶפֶּעס הֶעכֶערְס פוּן דֶעם, אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אִיז אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מְעַט, אַ פְּלַאץ וואוּ דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף עֶרְלִיךְ אוּן גֶעזוּנְט.

ווארִיל אִיז דִי עֶלְטֶערְן וָואס פָּאלְגְן אוּן הַאלְטְן דִי שְׁטוּבּ רֵיין פוּן אַלֶע כֵּלִים.

...

## מִיר קֶענֶען נָאר אַדְוֶוערְטַייזְן עֶסְן מִיט אַ הֶכְשֵׁר

**בְּעֶזְרַת הַ' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דֶער גַּבַּאי אַבְרָהָם הֶערְשׁ נֵרוֹ יָאִיר הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ

דו ווילְסְט פַארְקוֹיפְן די זַאכְן און דו ווילְסְט דָאס אַדְוֶוערְטַייזְן אִין אוּנְזֶער צַייטוּנְג - דַארְף עֶס הָאבְּן אַ הֶכְשֵׁר, דָאס קוּמְט פוּן מִיר; אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזָאגְט פַארְן גַבַּאי, אַז עֶר זָאל מֶער נִישְׁט אַרַיינְשְׁטֶעלְן אִינֶעם צַייטוּנְג זַאכְן אָן קַיין הֶכְשֵׁר.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרִיוַואטֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט דִיר, אִיךְ הָאבּ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת, אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, בִּיסְט בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב. אָבֶּער דָאס דַארְפְסְטוּ פַארְשְׁטֵיין, מִיר קֶענֶען נָאר אַדְוֶוערְטַייזְן עֶסְן מִיט אַ הֶכְשֵׁר, אִיךְ זוּךְ נִישְׁט צוּ שְׁטוּפְּן אוּנְזֶער הֶכְשֵׁר, אַז דו הָאסְט אַ הֶכְשֵׁר - קֶענְסְטוּ וַוייטֶער אַדְוֶוערְטַייזְן אִינֶעם בְּלֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן בִּצְנִיעוּת אוֹיךְ אִין אַ פְּרִיוַואטֶע חָצֵר

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תְּחִיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ בָּאדְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ; אֲפִילוּ דִי הוֹיז אִיז פְּרִיוַואט און עֶס אִיז אַ פְּרִיוַואטֶע חָצֵר - טָאר מֶען נִישְׁט שְׁטֶעלְן אַ בָּאד הִינְטֶערְן שְׁטוּבּ אִין אַן אָפֶענֶעם פְּלַאץ, נָאר אַז מֶען פַארְמַאכְט דָאס מִיט פִיר מְחִיצוֹת; עֶס זָאל זַיין בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה.

ווּאוֹיל אִיז דִי פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידְל, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים צַדִיקִים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): ״צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים״, אַ פְרוֹי וָואס אִיז אֵיידְל - וֶועט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ גֵיין, קֶען מֶען אָנְרוּפְן דִי עֶלְטֶערְן אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

בְּנוֹגֵעַ כִּיבּוּד אָב וָאֵם וְכוּ׳; נִישְׁטָא קַיין שִׁיעוּר וִויפִיל מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן. דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוֹת, יֶעדֶע מָאל מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן אִיז מֶען מְקַיֵּים נָאךְ אַ מִצְוָה.

נָאר וָואס דֶען, וֶוען דִי מִשְׁפָּחָה הוֹיבְּט אָן וֶוערְן גְרֶעסֶער - קוּמְט אוֹיס אַז מֶען גֵייט וֶוייניגֶער, דֶעמָאלְט וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג צוּ גֵיין אוּן קוּמֶען - קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה דוּרְךְ אָנְרוּפְן אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן; מֶען קֶען זֵיי אָנְרוּפְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי, אוּן מִזְּמַן לִזְמַן גֵייט מֶען אַרִיבֶּער צוּ זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן הֲפָצָה זֶענֶען זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווּאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ פַארְשְׁפְּרֵייסְט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַארְ׳ן דוֹר; חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן הֲפָצָה זֶענֶען זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט: וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרוֹבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוֶוען אִיז אִים רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אַייעֶר זוּן רֶבִּי מִיכַל זְלָאטְשׁוּבֶער, אַז אוֹיבְן אִין הִימְל מַאכְט מֶען אַזַא רַעַשׁ פוּן אִים?" הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרוֹבִּיטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט:

"עֶר לֵייגְט אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען וְכוּ'", הָאט אִים רַשְׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "פַאר דֶעם אַלֵיינְס וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִּיקִים לֵייגְן אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי", הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק גֶעזָאגְט: "עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְּלַייסִיג", הָאט אִים רַשְׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעעֶנְפֶערְט: "דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִיבָּה, ווַייל אַסַאךְ צַדִּיקִים לֶערְנֶען פְּלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פַאר דֶעם אַלֵיינְס רַעַשׁ'ט זִיךְ נָאכְנִישְׁט", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "צוּלִיבּ זַיין חֶסֶד אוּן צְדָקָה וְכוּ'", הָאט רַשְׁ"י נָאכְאַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מִדְרוּבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אֶפְשָׁר ווַייל עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק", הָאט רַשְׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "הַיְינוּ דְּאַהֲנֵי לֵיהּ, יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶס רַעַשְׁ'ט זִיךְ פוּן אִים".

גֵיי נִישְׁט אַרַיין מִיט קֵיינֶעם אִין קַיין וִיכּוּחִים; דוּ טוּ דַיינְס, גֵיי הֲפָצָה; גֶעבּ אַ סֵפֶר, אַ קוּנְטְרֵס וְכַדוֹמֶה - אוּן בֶּעט צְדָקָה.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַפָּאר טֶעג פַאר עֶר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן: "אַייעֶר עוֹבְדָא זָאל זַיין יָפֻצוּ מַעַיְנוֹתֶיךָ חוּצָה".

דָאס וֶועט דִיךְ מְתַקֵּן זַיין, דוּ וֶועסְט פַארֶרעכְטְן אַלֶע פְּגָמִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", אַז מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען מְתַקֵּן אַלֶע פְּגָמִים פוּן פְּגַם הַבְּרִית.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### לֶערְנֶען סֵפֶר הַמִּדּוֹת מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ טְבֶרְיָ'

דֶער מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז בַּיים לֶערְנֶען סֵפֶר הַמִּידוֹת, הָאסְטוּ

גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז דֶער פְּשַׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֲכִילָה חֵלֶק ב, סִימָן יד): "אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה", עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, "בָּא עַל יְדֵי חֹק וּמִשְׁפָּט", קוּמְט דוּרְךְ חֹק וּמִשְׁפָּט.

עֶרְשְׁטְנְס וִויל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ לֶערְנְסְט סֵפֶר הַמִּדּוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער סֵפֶר הַמִּדּוֹת הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד; דֶערִיבֶּער הָאט מוֹהֲרַנַ"ת אֵיינְגֶעפִירְט מֶען זָאל לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער – סֵיי מִיט דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן סֵיי אִין סְקוּל מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ – סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים. אוּן בַּיי יֶעדֶע אוֹת וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי גוּטֶע זַאךְ אוּן אוֹיסְרַייסְן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

פְּשַׁט אִיז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ שֶׁפַע; דֶער מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען בִּזְכוּת וָואס עֶר הִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן בִּזְכוּת וָואס עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס וָואס עֶר טוּט אִיז גֶערֶעכְט. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה כה, ז) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת טז, ד): "'הִנְנִי מַמְטִיר לָכֶם לֶחֶם מִן הַשָּׁמָיִם', אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז: "מִי גָּרַם לָכֶם לֶאֱכֹל מִן הַמָּן וְלִשְׁתּוֹת מֵהַבְּאֵר", אִין וָואס פַאר אַ זְכוּת הָאט אִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען דִי מָן אוּן דִי בְּאֵר? "מִפְּנֵי שֶׁקִּבַּלְתֶּם אֶת הַחֻקִּים וְאֶת הַמִּשְׁפָּטִים", וַוייל אִיר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה – אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן שֶׁפַע.

נוּץ אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער יָארְן; גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זַיין אַ צַדִּיק. אוּן וֶוען דֶער מְלַמֵּד אִין חֵדֶר דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים – זָאלְסְטוּ גֵיין אִין אַ ווִינְקֶעלֶע אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער ווִי אַזוֹי ווֶערְט מֶען אַ צַדִּיק?" בִּיז דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיר הָאט קוֹים חֲתוּנָה גֶעהַאט, וָואס דַארְפְט אִיר שׁוֹין זָארְגְן?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר הָאט קוֹים חֲתוּנָה גֶעהַאט, וָואס דַארְפְט אִיר שׁוֹין זָארְגְן? וָואס דַארְפְט אִיר שׁוֹין טְרַאכְטְן פוּן גֵיין צוּ דָאקְטוֹרִים? אִיר וֶועט נָאךְ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער.

זָאגְט תְּהִלִּים; דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְס אִים אוֹיף וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ טוּן הַפָּצָה, אֲפִילוּ מֶען בַּאקוּמְט בִּזְיוֹנוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט גֶעהַאט גְרוֹיס חֲלִישַׁת הַדַעַת בַּיים מֵפִיץ זַיין; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן מַיין טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, עֶס אִיז כְּדַאי אוּן כְּדַאי וַוייטֶער עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַאר אַלֶעמֶען, אֲפִילוּ מֶען בַּאקוּמְט בִּזְיוֹנוֹת וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בִּזְיוֹנוֹת; וָואס וֵוייסְטוּ וָואס דוּ בִּיסְט אָפְּגֶעקוּמֶען מִיט דֶעם וָואס מֶען הָאט דִיךְ פַארְשֶׁעמְט...

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' אַ מַעֲשֶׂה וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט בַּיי אוּנְז אִין דִי מִשְׁפָּחָה. מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ בַּאבֶּע אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת, דִי וַוייבּ פוּן רֶבִּי יוֹסֵף טֵייטְלְבּוֹים זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, פוּן נֶעפְּלֶעמִיץ. וָואס אַ שְׁכֵנָה הָאט אִיר אַמָאל זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן; דִי שְׁכֵנָה אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין אִיר שְׁטוּבּ אוּן אִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט, זִי זָאגְט אִיר: "דוּ מַאכְסְט זִיךְ פַאר אַ צַדֶיקֶת, אַלֶע רֶעדְן

אויף דיר, אַלֶע וֵוייסְן אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין צַדֶיקֶת"; זִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר בַּאלֵיידִיגְט און זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען.

עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַפָּאר מִינוּט, און דֶער לֶענְדְלָארְד, דֶער בַּעַל הַבַּיִת פון דִי דִירָה קְלַאפְּט אַרַיין און זָאגְט אִיר: "בִּיז אַפָּאר טֶעג דַארְפְּסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פון דִי דִירָה, דוּ קֶענְסְט מֶער נִישְׁט דָא וואוֹינֶען"; זִי הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי זִי פַאלְט אַרָאפּ חַלָּשׁוּת, זִי הָאט גֶעוֵויינְט, און פון צַעַר אִיז זִי אַיינְגֶעשְׁלָאפְן. זִי זֶעט אִיר טַאטֶע אִין חָלוֹם, אִיר טַאטֶע רֶבִּי יְחֶזְקֵאל שְׁרַגָא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פון קְלַאסְנָא, וָואס זָאגְט אִיר: "אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דוּ וֵויינְסְט, אִיךְ הָאבּ דִיר דָאס גֶעבְּרֶענְגְט; אַ שְׁוֶועֶרֶע גְזֵירָה אִיז גֶעוֶוען אויף דִיר פַארְשְׁרִיבְּן, דוּ הָאסְט גֶעדַארְפְט אַוֶועקְגֵיין פון דִי וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ עֶס אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט אויף קְלֵיין גֶעלְט, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אוֹיבְן אִין הִימְל אַז דוּ וֵויינְסְט; גְלֵייבּ אַז אַלֶעס אִיז נָאר פַאר דַיין טוֹבָה", אִיר טַאטֶע זָאגְט אִיר אִין חָלוֹם: "אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ סִימָן אַז דָאס אִיז אֱמֶת, וֶוען דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן וֶועט דִיר דִי שְׁכֵנָה קוּמֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן, אויךְ דֶער לֶענְדְלָארְד וֶועט דִיר קוּמֶען זָאגְן אַז דוּ קֶענְסְט בְּלַייבְּן".

זִי וֶועקְט זִיךְ אויף פון שְׁלָאף, זִי אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַבִּיסְל בַּארוּאִיגְט. בִּיז אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה קוּמְט דִי שְׁכֵנָה און בֶּעט אִיר אִיבֶּער, זִי זָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ טָעוּת, נִישְׁט אויף דִיר רֶעדְט מֶען, מֶען רֶעדְט אויף אַ צְוֵוייטֶע פְרוֹי, דוּ בִּיסְט יָא עֶרְלִיךְ". אַ שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער קוּמְט דֶער לֶענְדְלָארְד און זָאגְט אִיר: "אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מֶען רֶעדְט אויף אַייךְ, אִיר קֶענְט יָא בְּלַייבְּן דָא וואוֹינֶען".

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, גֵיי וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אוּנְזֶער דוֹר, און אַז דוּ בַּאקוּמְסְט אַ בִּזָיוֹן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל אויף מַיינֶע עֲבֵירוֹת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### קֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶועֶר פַּארְשְׁטֵייט דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר? קֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס אַ בָּחוּר הָאט, קֵיינֶער קֵיינֶער. מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט: ״אֵין צַעַר כְּצַעֲרוֹ שֶׁל בָּחוּר״, נִישְׁטָא אַזַא וֵוייטָאג וִוי דִי וֵוייטָאג וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער; עֶר וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין עֶרְלִיךְ, זַיין רֵיין, אוּן עֶר פַאלְט כְּסֵדֶר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶס אִיז אִים אַזוֹי בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף; אֲפִילוּ מֶען הָאט דִיר שׁוֹין גֶערֶעדְט אַזוֹיפִיל שִׁידוּכִים, בִּיסְט שׁוֹין אַרוֹיס צֶענְדְלִיגֶער מָאל, אוּן יֶעדֶע מָאל הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען נָאךְ אַ נֵיין, דָאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אֱמוּנָה בַּה׳. גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן. בִּיסְט אַ גוּטֶער אוּן אַ ווָאוּילֶער, אוּן אַז אַלֶע זָאגְן נֵיין אוֹיף דִיר, זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים נָאכְאַמָאל בֶּעטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, אִיךְ וִויל שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְּן״.

...

### גֵיין אָנְגֶעטוּן נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיג מַאכְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

וֶוען אִיר קוּמְט אִין סְקוּל אִין בֵּית פֵיגָא - קוּמְט אִיר אָנְגֶעטוּן זֵייעֶר אֵיידֶל, זֵייעֶר בַּא׳טַעמְ׳ט; הַלְוַואי זָאלְט אִיר אוֹיךְ אַזוֹי גֵיין אִין גַאס אוּן בַּיי שִׂמְחוֹת וְכוּ׳. דִי אַלֶע וָואס טוּעֶן זִיךְ אָן אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן, קוּרְץ אוּן טַייט - אוֹיסְצוּרַייסְן דִי אוֹיגְן פוּן אַנְדֶערֶע - דִי זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, זֵיי מַאכְן זִיךְ פְרֵיילִיךְ.

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים; פְּרוּבִּירְט צוּ זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, אָדֶער וִויפִּיל אִיר קֶענְט, אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן. אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר, אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן בַּיי דִי אֱמוּנָה; אִיךְ מַיין מַאן אוּן מַיינֶע דוֹרוֹת".

...

נָאךְ דִי חֲתוּנָה זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

מַזָל טוֹב פַּאר דַיין שִׁידוּךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

הָאסְט שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל מָאל מִשְׁנַיוֹת, אַכְט אוּן זֶעכְצִיג מָאל הָאסְטוּ שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; יֶעצְט בִּיסְטוּ אַ חָתָן אוּן דוּ גֵייסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, זָאלְסְטוּ יֶעצְט וַוייטֶער לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וֶועסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ה:): "אַשְׁרֵיהֶם יִשְׂרָאֵל", ווארויל אִיז פַּאר אוּנְז אִידְן, "בִּזְמַן שֶׁעוֹסְקִין בַּתּוֹרָה וּבִגְמִילוּת חֲסָדִים", וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, "יִצְרָם מָסוּר בְּיָדָם וְאֵין הֵם מְסוּרִים בְּיַד יִצְרָם", פַאלְט מֶען נִישְׁט אַרַיין אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אַ שִׁידוּךְ, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וַוייטֶער; אוֹיף יֶעדֶע טְרִיט אוּן שְׁרִיט.

...

**עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייטְן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ ווילְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין בִּיטֶערֶע מַצָּב, דַיין שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּלָאנְטֶער וואוּ דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן, אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִצְּלַן - זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, אִין דִי שִׂיחוֹת אוּן אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת; דָארְט וֶועסְטוּ גֶעפִינֶען עֵצוֹת אוּן חִיזוּק וִוי אַזוֹי אָפְּצוּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אוּן עֶס וֶועט אַרַיינְבְּלָאזְן אִין דִיר אַ גְרוֹיסֶע הָאפֶענוּנְג.

עֶס וֶועט וֶוערְן גְלַייךְ אַ רַעַשׁ, דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן אָנְהוֹיבְּן פַארְפִירְן ׳הֲיִתָּכֵן דוּ לֶערְנְסְט דִי בְּרֶעסְלֶבְ׳עֶר סְפָרִים׳; זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, חַס וְשָׁלוֹם טַעֲנָה׳ן מִיט זֵיי. דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער; וָואלְטְן זֵיי גֶעוְוּיסְט אַז דוּ זִינְדִיגְסְט אִין דִי עֲבֵירָה, דוּ בִּיסְט פָּגוּם פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס - וָואלְטְן זֵיי דִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף דִי אַקְסְל אוּן דִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. דַיינֶע עֶלְטֶערְן ווילְן נָאר דָאס גוּטְס פוּן דִיר, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער; קַיין אֵיין טַאטֶע מַאמֶע וֵוייסְן נִישְׁט וָואס זֵייעֶרֶע קִינְדֶער לַיידְן, אוּן וִוי זֵיי פַאלְן אִין קְדוּשָּׁה.

אַז דַיין טַאטֶע לָאזְט דִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן - זָאלְסְטוּ זָאגְן מִיט גְרוֹיס דֶּרֶךְ אֶרֶץ: ״טַאטֶע, מַיין גַאנְצֶע חַיּוּת, מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן - אִיז דֶער סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן; אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ, אוּן דָאס וָואס אִיךְ בִּין אַייךְ מְכַבֵּד - דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן דֶעם סֵפֶר; מַיין לֶערְנֶען, מַיין דַאוֶוענֶען - אַלֶעס אִיז דֶער סֵפֶר״; אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דִיךְ אָפְּלָאזְן, אָבֶּער דוּ זָאלְסְט זֵיי נָאר מְכַבֵּד זַיין אוּן שֶׁעצְן.

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ טוּן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי גֶעפֶערְלִיכֶע רְגִילוּת דַיינֶע. גֵיי אִין אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט; עֶס קֶען זַיין אִין דַיין צִימֶער, עֶס קֶען זַיין אִין אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אִין אַן אָפִּיס וְכוּ׳ - אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ; דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, וִוי דוּ פַאלְסְט אִין נִיאוּף, וִוי דוּ פַאלְסְט

אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וַויְין צוּ אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט, דֶערְצֵייל אִים יֶעדֶע זַאךְ.

וְהָעִקָּר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; אֲפִילוּ דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט, דוּ זֶעסְט זִיךְ אַזוֹי אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט - זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט אַ אִידִישׁ קִינְד, דוּ בִּיסְט גֶע'מַלְ'ט, דוּ גְלֵייבְּסְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאךְ אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט אִין זִיךְ.

דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ נִישְׁט זַיין אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ גֵיי מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס נֶעמֶען צַאם גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה; אִיךְ גֵיי מִיט זֵיי אַוֶועק פַאר אַ שַׁבָּת.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט מָארְגְן זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה; קוּם צוּם שִׁיעוּר זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### קִינְדֶער דַארְפְן הָאבְּן דִי מַאמֶע וֶוען זֵיי שְׁפִּירְן נִישְׁט גוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער שְׁפִּירְן זִיךְ נִישְׁט גוּט - זָאלְט אִיר נֶעמֶען אַ צְוֵוייטֶער זָאל אַייךְ אִיבֶּערְנֶעמֶען בַּיי אַייעֶר אַרְבֶּעט, אוּן אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער.

עֶס אִיז וִויכְטִיג פַאר קִינְדֶער צוּ הָאבְּן דִי מַאמֶע אִין דִי טֶעג וָואס זֵיי שְׁפִּירְן זִיךְ נִישְׁט גוּט. דִי אַרְבֶּעט וֶועט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן אַייךְ, גֶעזוּנְט פוּן קִינְדֶער קוּמְט פַאר אַרְבֶּעט.

דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע

פְּרָאבְּלֶעמֶען; וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט און מֶען לוֹיבְּט, מֶען זִינְגְט און מֶען טַאנְצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קוּמְט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**צוּגֶעוואוֹינֶען דִי קִינְדֶער צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע אִין אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה זֶענֶען דָא מְלַמְּדִים וָואס גֶעבְּן צַייט יֶעדְן טָאג פַאר דִי קִינְדֶער צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי - און אַזוֹי וַוייטֶער. עֶס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ אַז מֶען גֶעוואוֹינְט אַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אִיבֶּערְגֵיין דִי פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דָאס טוּן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

אַ מְלַמֵּד מוּז דֶערְצֵיילְן יֶעדְן טָאג מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פַאר דִי קִינְדֶער, דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ שְׁטַארְקֶע רֵייץ; זֵיי הוֹיבְּן אָן בֶּענְקֶען און גְלִיסְטְן צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק.

רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער פוּן צַדִּיקִים, דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶועזְן אַ קְלֵיין קִינְד הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס אִיז אִים אַרַיין אִין הַארְץ און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּענְקֶען און וֶועלְן זַיין אַ צַדִּיק; וַוייל וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַ סִיפּוּר פוּן אַ צַדִּיק הוֹיבְּט עֶר אָן בֶּענְקֶען: ׳אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן אוֹיפְלֶעבְּן דִי "לֶעידִיס עֶקְזִילֶעְרִי"

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בְּרִיוו.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן אוֹיפְלֶעבְּן דִי לֶעידִי"ס עֶקְזִילֶערִ"י, אַרֵיין צוּ בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד. אוֹיךְ אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְ'ן מְחַזֵק זַיין דִי אָרְגֶענִיזֶעישְׁן "בָּנֵינוּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

אִיךְ וויל קְלָארְשְׁטֶעלְן מַיין מֵיינוּנְג, מֶען זָאל נִישְׁט מְחַיֵּיב זַיין דִי פְּרוֹיעֶן צוּ גֶעבְּן וֶועכְנְטְלִיךְ אוֹיטָאמַאטִישׁ אַ קְרֶעדִיט קַארְד. אִיךְ וויל נִישְׁט מֶען זָאל אוֹיסְקְוֶועטְשְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵיי אַרֵיינְלֵייגְן אִין חוֹבוֹת, נָאר בֶּעטְן בְּתוֹרַת נְדָבָה. אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעלְט זָאל מֶען לֵייגְן אִין דִי פּוּשְׁקֶע, אָבֶּער נִישְׁט עֶס זָאל לוֹיפְן אוֹיטָאמַאטִישׁ אוֹיךְ אִין דִי צַייטְן וָואס מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, וָואס אִיר דַארְפְט - זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

...

### זָאלְסְט הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אַלֶעס גוּטְס

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... שְׁלִיטָ"א, דוֹמֶ"ץ דִקְהִילָּתֵינוּ**

אִיךְ וויל דִיר שְׁרַייבְּן פוּן דִי חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס אִיז מִיר נִתְחַדֵּשׁ גֶעוָוארְן בַּיים לֶערְנֶען מִיט מַיין זוּן, הַיֶּלֶד, יַנִיק וְחַכִּים, נַחְמָן נָתָן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ד, ג) רֶבִּי יוֹחָנָן זָאגְט אַ טַעַם פַארְוָואס דִי חֲכָמִים הָאבְּן מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַכְצְן בְּרָכוֹת בַּיי תְּפִילַּת שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, "כְּנֶגֶד שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה צִיווּיִין שֶׁכָּתוּב בְּפָרָשַׁת מִשְׁכַּן שֵׁנִי", אַנְטְקֶעגְן דִי אַכְצְן פְּסוּקִים וָואס שְׁטֵייט אִין פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי (שְׁמוֹת לט-מ): "כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה", בַּיים אוֹיפְשְׁטֶעלְן דֶעם מִשְׁכָּן.

לִכְאוֹרָה, וָואס אִיז דֶער צוּשְׁטֶעל, דַאוֶּועןנֶען - צוּם מִשְׁכָּן? בִּפְשְׁטוּת אִיז דֶער צוּשְׁטֶעל וַוייל דַאוֶּועןנֶען אִיז בִּמְקוֹם קָרְבָּנוֹת וָואס מֶען אִיז מַקְרִיב אִין מִשְׁכָּן, אָבֶּער מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען מֶען דָאס זֵייעֶר גוּט פַארְשְׁטֵיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ב): "וְכָל תְּפִלָּה וּתְפִלָּה שֶׁכָּל אֶחָד מִתְפַּלֵּל" וֶוען מֶען דַאוֶּוענְט, "הוּא בְּחִינַת אֵיבָר מֵהַשְּׁכִינָה, שֶׁהֵם אֵיבְרֵי הַמִּשְׁכָּן" בְּרֶענְגְט מֶען אַרָאפּ דִי שְׁכִינָה אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן פוּן דִי תְּפִילוֹת בּוֹיט זִיךְ אַ מִשְׁכָּן, וַוייל דֶער מִשְׁכָּן אִיז דָאךְ אַן עֵדוּת אַז דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה רוּט צְוִוישְׁן דִי אִידְן, דֶערִיבֶּער הָאבְּן דִי חֲכָמִים מְתַקֵּן גֶעוֶועןעַן אַכְצְן בְּרָכוֹת אַנְטְקֶעגְן דִי אַכְצְן מָאל וָואס שְׁטֵייט אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעטוּן כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה', דָאס דַאוֶּועןנֶען בּוֹיט דִי מִשְׁכָּן; וֶוען אַ אִיד דַאוֶּוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף - קוּמְט אַרָאפּ דִי שְׁכִינָה צוּ אִים, אוּן עֶס אִיז בַּיי אִים כְּאִילוּ נִבְנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

נָאךְ אַ שֵׁיינֶע זַאךְ הָאבְּן מִיר גֶעזֶען בַּיים לֶערְנֶען. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שָׁם, הֲלָכָה ג): "אָמַר רֶבִּי מַנָא, רֶמֶז לְתַלְמִיד חָכָם, שֶׁאָדָם צָרִיךְ לוֹמַר לְרַבּוֹ תִּשְׁמַע תְּפִלָּתְךָ", עֶס אִיז דָא אַ נוּסָח: "שֶׁאָדָם צָרִיךְ לוֹמַר לַחֲבֵירוֹ אַחַר תְּפִלָּתוֹ", מֶען דַארְף זָאגְן פַאר'ן חַבֵר וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט דַאוֶּועןנֶען: "תִּשְׁמַע תְּפִלָּתְךָ", דַיינֶע תְּפִילוֹת זָאלְן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען. דָא אִיז דֶער מְקוֹר וָואס אִיז אָנְגֶענוּמֶען צוּ זָאגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן נָאכְן מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים וְכַדוֹמֶה: "זָאלְסְט הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אַלֶעס גוּטְס", וַוייל אִין פָּסוּק שְׁטֵייט: "יַעַנְךָ ה'", נִישְׁט "עֲנֵנוּ ה'", נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ אוֹיסְהֶערְן, וק"ל.

...

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן דַיינֶע חִידוּשִׁים, וּמְקַבְּלִין דֵין מִן דֵין.

...

**טוּ דִי צְוֵויי זַאכְן יֶעדֶעס מָאל אֵיידֶער דוּ פָארְסְט מִיט דַיין קַאר**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפָארְן מִיט דַיין קַאר אִין אַ צְוֵוייטֶע קַאר - אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה אוֹיפְצוּהֶערְן דְרֵייוְון; קֶענְסְט וַוייטֶער דְרֵייוְון אוּן דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער דְרֵייוְון, אוּן אַז דוּ ווִילְסְט זַיין זִיכֶער אַז דָאס וֶועט נִישְׁט נָאכְאַמָאל פַּאסִירְן - זָאלְסְטוּ טוּן צְוֵויי זַאכְן יֶעדֶע מָאל אֵיידֶער דוּ פָארְסְט.

עֶרְשְׁטְנְס, יֶעדֶע מָאל אֵיידֶער דוּ פָארְסְט מִיט דַיין קַאר - זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּפִילַּת הַדֶּרֶךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כט:) אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט גֶעזָאגְט פַאר רַב יְהוּדָה: "כְּשֶׁאַתָּה יוֹצֵא לַדֶּרֶךְ" וֶוען דוּ גֵייסְט אִין וֶועג, "הִמָּלֵךְ בְּקוֹנֶךָ" זָאלְסְטוּ קוֹדֶם נֶעמֶען רְשׁוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט זָאגְן תְּפִילַּת הַדֶּרֶךְ, "וָצֵא" אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מֶען זָאל זָאגְן תְּפִילַּת הַדֶּרֶךְ יֶעדֶע מָאל מֶען זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין קַאר, אֲפִילוּ מֶען פָארְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט, אוּן אֲפִילוּ צְוָואנְצִיג מָאל אַ טָאג - זָאל מֶען יֶעדֶע מָאל זָאגְן תְּפִילַּת הַדֶּרֶךְ, נָאר נִישְׁט אוֹיסְפִירְן דִי בְּרָכָה מִיטְ'ן שֵׁם, מֶען זָאל זָאגְן דִי בְּרָכָה "בָּרוּךְ אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה" - אָן דִי שֵׁם; זָאלְסְטוּ אַזוֹי טוּן.

צְוֵוייטְנְס, זָאלְסְט גֶעבְּן צְדָקָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת דֶּרֶךְ, סִימָן ח): "כְּשֶׁתֵּלֵךְ בַּדֶּרֶךְ, תִּתֵּן קֹדֶם לִצְדָקָה", וֶוען דוּ גֵייסְט אִין וֶועג זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַאלְטְן אִין קַאר אַ פּוּשְׁקֶע, אוּן יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע מָאל אֵיידֶער מֶען פָארְט - לֵייגְט מֶען אַ פְּרוּטָה אִין פּוּשְׁקֶע אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל צוּרִיקְקוּמֶען בְּשָׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוּם אִין שׁוּל מִיט כָּבוֹד, קוּם אִין בַּאשֶׁעפֶּעְר׳ס שְׁטוּבּ מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ה כִּסְלֵיו, אַ׳ דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מְכַבֵּד דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, קוּם צוּם דַאוֶנֶען אָנְגֶעטוּן מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּפִילָּה, סִימָן כה): ״מִצְוָה לִהְיוֹת לוֹ בְּגָדִים מְכֻבָּדִים בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה״, עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער בַּיים דַאוֶונֶען, אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט צוּ שְׁטֵיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט, עֶר הָאט בַּאטְרַאכְט זַיין רֶבִּי דֶער אַרִיזַ״ל וִוי עֶר קוּמְט אִין שׁוּל; וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם טִיר פוּן שׁוּל הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ צִיטֶער פוּן פַּחַד, אַז עֶר גֵייט יֶעצְט אַרַיין אִינֶעם שְׁטוּבּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קוּם אִין שׁוּל צוּ דִי תְּפִילּוֹת מִיט אַ דֶּרֶךְ אֶרֶץ, מִיט אַ כָּבוֹד.

אִיךְ שְׁרַייבּ דֶעם בְּרִיוו פַאר דִיר, נִישְׁט דוּ זָאלְסְט גֵיין זָאגְן פַאר אַנְדֶערֶע וִוי אַזוֹי צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל. נִישְׁט יֶעדְן קֶען מֶען זָאגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, נִישְׁט בַּיי יֶעדְן אִיז שׁוֹין דִי צַייט, אַמָאל דַארְף מֶען וַוארְטְן בִּיז יֶענֶער בַּאקוּמְט מוֹחִין וְכוּ׳, אָבֶער דִיר זָאג אִיךְ: ״קוּם אִין שׁוּל מִיט כָּבוֹד, קוּם אִין בַּאשֶׁעפֶּעְר׳ס שְׁטוּבּ מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ״.

דֶער שׁוּל אִיז נִישְׁט קַיין אָפִּיס, דֶער שׁוּל אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס שְׁטוּבּ; אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מְעַט וואוּ מֶען קוּמְט מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר זִיךְ, פַאר דִי מִשְׁפָּחָה אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

שַׁבָּת וֶועל אִיךְ זַיין אִם יִרְצֶה ה׳ אִין שְׁטֶעטְל מִיט דִי יְשִׁיבָה; שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

### וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן דַיין צֶעבְּרָאכְנְקַייט?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס גֵייט פָּאר מִיט דִיר? וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן? אַ קוּנְץ צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן? אַ קוּנְץ אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אַ קוּנְץ אִיז זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "אַ קוּנְץ אַרָאפְּצוּוַואַרְפְן אַ אִיד? אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ אִיד!" דָאס מֵיינְט מֶען אוֹיךְ זִיךְ אַלֵיין; מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אוּן אַז מֶען אִיז נָאכְאַמָאל גֶעפַאלְן - הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף נָאכְאַמָאל.

נֵס חֲנוּכָּה וַוייזְט אוּנְז מֶען זָאל זוּכְן דָאס גוּטְס, מֶען זָאל זוּכְן דֶעם פַּךְ שֶׁמֶן אוּן מַאכְן פוּן דֶעם אַ יוֹם טוֹב, נִישְׁט זוּכְן דִי אַנְדֶערֶע שְׁמָנִים וָואס מֶען הָאט מְטַמֵּא גֶעוֶוען; מֶען דַארְף זוּכְן אִין זִיךְ גוּטֶע זַאכְן אוּן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם.

וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן דַיין צֶעבְּרָאכְנְקַייט? וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן זַיין בַּאבְּלָאזְן? זַיי פְרֵיילִיךְ, גֵיי אַ טֶענְצְל - שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי! מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַזוֹיפִיל מָאל דִי מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וִוי עֶר הָאט זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דִי שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי. דִי מַעֲשֶׂה וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי צָדוֹק הַכֹּהֵן מִלוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (פְּרִי צַדִּיק חַג הַשָּׁבוּעוֹת, אוֹת יג). דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל, אֵיין טָאג הָאט עֶר פַארְפֶעלְט צוּ זָאגְן דִי בְּרָכָה שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, אִיז אֵיינֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בְּרָכָה, דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט הַיינְט דִי בְּרָכָה! וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן בַּיי מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן קֵיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶּה' וּמְחַזֵּק זַיין, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'אַ אִיד בִּין אִיךְ דָאךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גּוֹי', אוּן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבּ אִיךְ מִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי

גוֹי', מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַיֶ' גֶעוֶועןט; מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אוּנְז, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן דַארְפְן זִיךְ מְחַיֶ' זַיין מִיט שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי.

בְּנוֹגֵעַ חֲנוּכָּה מְסִיבּוֹת; גֶעבּ אַכְטוּנְג עֶס זָאל זַיין מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן דִי קְדוּשַׁת חֲנוּכָּה; אַז מֶען דַארְף גֵיין צוּלִיבּ כִּיבּוּד אָב וָאֵם דַארְף דָאס זַיין אָפְּגֶעהִיטְן וְכוּ'.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

### גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן מוֹסְדוֹת פַאר דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דְּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי גְרֶעסְטֶע נֵס וָואס מִיר הָאבְּן אִיז, אַז מִיר הָאבְּן מוֹסְדוֹת פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי אוֹיף דִי וֶועג וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

וִויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זִיצְן מִיט מְלַמְדִים יִרְאֵי שָׁמַיִם, וָואס לֶעבְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, מְלַמְדִים וָואס גֵייעֶן אִין מִקְוֶה, מְלַמְדִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מְלַמְדִים וָואס לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, מְלַמְדִים וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדְן קִינְד.

אַזוֹי אוֹיךְ אִין בֵּית פֵיגָא; לֶערֶערִינְס וָואס הָאבְּן לִיבּ יֶעדְן קִינְד אוּן לֵייגְן אַרַיין אַ לִיבְּשַׁאפְט אִין דִי קִינְדֶער צוּ גֵיין מִיט דִי תּוֹרָה וֶועג.

יָארְן צוּרִיק אִיז דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען; וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ הָאבְּן מִיר גֶעוּוסְט אַז דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס גֵייט נִישְׁט אִיבֶּער צוּ דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז אַ סוֹד פַאר אוּנְז אַלֵיין, מֶען הָאט אוּנְז קְלָאר גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף גֶעהֶערְן צוּ דִי גְרוֹיסֶע קְהִילוֹת צוּלִיבּ דִי קִינְדֶער, אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט

קֶענֶען מִיר נֶעמֶען חִיזוּק פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן חַסְדֵי הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן אַ פְּלַאץ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אוֹיפְוַואקְסְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אוֹיפְוַואקְסְן מִיט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה; אַז דָאס זָאל זַיין זֵייעֶר לֶעבְּן.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

## גֶעבּ חֲנוּכָּה גֶעלְט פַאר דַיינֶע קִינְדֶערְ'ס מְלַמְּדִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵיו, ג' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ חֲנוּכָּה גֶעלְט פַאר דַיינֶע קִינְדֶערְ'ס מְלַמְּדִים, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן - מַאךְ זִיךְ כָאטְשִׁיג ווִיסְנְדִיג; גֶעבּ זֵיי עֶפֶּעס, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינִיקֵייט. אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען, דֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ רַייכֶע קָרְבָּן - הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ פֵייגֶעלֶע.

מַאךְ זִיךְ ווִיסְנְדִיג פוּן דַיינֶע קִינְדֶערְ'ס מְלַמְּדִים, טְרַאכְט אַ מִינוּט אַרַיין וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער אֵיין טָאג מִיט דִי קִינְדֶער; זֵיי זִיצְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז נָאכְמִיטָאג, מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אוּן מִיט נָאךְ קִינְדֶער; זֵיי אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייז זֵיי אַבִּיסְל הַכָּרַת הַטּוֹב.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען רוּפְט דִיר פוּן דִי מוֹסָד צוּ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד - מַאךְ זִיךְ ווִיסְנְדִיג, נָאר אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט זֵייעֶר שַׁארְף צוּ דִי עֶלְטֶערְן וָואס מַאכְן זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג פוּן שְׂכַר לִימוּד, אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דִי הַנְהָלָה פַארְוָואס נִישְׁט אַלֶע עֶלְטֶערְן צָאלְן שְׂכַר לִימוּד, אַזוֹי ווִי מֶען צָאלְט אַנְדֶערֶע זַאכְן, ווִי לֶעקְטֶער אוּן גַאז, וְכַדוֹמֶה, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט, ווַייל דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט - הַאקְט מֶען אָפּ; אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט קֵיין לֶעקְטֶער - הַאקְט מֶען אָפּ דִי לֶעקְטֶער, אוּן אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט קֵיין גַאז - הַאקְט מֶען אָפּ דִי גַאז, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער

רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "וֶוער זָאגְט אַז בַּיי שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט אַזוֹי? בַּיי שְׂכַר לִימוּד הַאקְט מֶען אוֹיךְ אָפּ דִי סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא פוּן הִימְל פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אוּן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן".

אַז מֶען רוּפְט דִיךְ פוּן דִי מוֹסָד - זָאלְסְטוּ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אַ פְּלַאן וִוי אַזוֹי צוּ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד; נִישְׁט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג מַאכְן.

חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ, חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן 'וָואס טוּ אִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער מַיינֶע?' דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַשַׁ"ב פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַ שַׁארְפֶע הוֹרָאָה: "אַזוֹי וִוי אַ אִיד הָאט אַ חִיּוּב יֶעדְן טָאג אָנְצוּטוּן תְּפִילִין, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט יֶעדֶער אִיד אַ חִיּוּב זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה יֶעדְן טָאג צוּ טְרַאכְטְן וֶועגְן דִי חִינוּךְ פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן טוּן אַלֶעס וָואס מֶען קֶען טוּן צוּ פַארְזִיכֶערְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועג וָואס מֶען אִיז זֵיי מְחַנֵךְ".

אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וֶועל זַיין אִין שְׁטֶעטְל בִּיז נָאךְ שַׁבָּת חֲנוּכָּה, דִי וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי וֶועט דִי וָואךְ זַיין אִין שְׁטֶעטְל.

יֶעדֶע מָאל אִיךְ קוּם אַהֶער וֶוער אִיךְ נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי שֵׁיינֶע קְהִילָה, פוּן דִי חֶסֶד, פוּן דִי יִרְאַת שָׁמַיִם, פוּן דִי אֵיידֶעלֶע מִשְׁפָּחוֹת.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

### אִידִישְׁקֵייט אִיז נִישְׁט גֶעוָואנְדְן אִין טַעַם אוּן גֶעפִיל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵיו, ג' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

צִינְד אָן גֶעפִיל, צִינְד אָן טַעַם; אִידִישְׁקֵייט אִיז נִישְׁט גֶעוָואנְדְן אִין טַעַם, אוּן גֶעפִיל, אִידִישְׁקֵייט אִיז - פָאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט צִינְדְן דִי מְנוֹרָה - צִינְדְט מֶען דִי מְנוֹרָה.

אַוַדַאי פְּרוּבִּירְט מֶען צוּ מַאכְן אַלֶעס מִיט אַ טַעַם, מִיט גֶעפִיל, אָבֶּער אַז אַלֶעס אִיז פַארְלָאשְׁן, אַלֶעס אִיז טִינְקֶל, נִישְׁטָא קַיין שׁוּם טַעַם פוּן חֲנוּכָּה -

צִינְדְט מֶען דִי מְנוֹרָה אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז, לְמַטָּה מֵעֲשָׂרָה טְפָחִים, אִין דִי נִידְרִיגְסְטֶע מַדְרֵיגָה. אוּן אַז מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפִּיגְן פוּן קְדוּשָּׁה, אוֹיסְגֶעשְׁפִּיגְן פוּן חֲנוּכָּה - צִינְדְט מֶען דִי מְנוֹרָה אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה, אִין רְשׁוּת הָרַבִּים אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי קְדוּשָּׁה, אוּן אַז עֶס אִיז אַלֶעס טִינְקְל - צִינְדְט מֶען דִי מְנוֹרָה וִוי דִי הֲלָכָה, בַּיינַאכְט וֶוען עֶס אִיז טִינְקְל.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, גֵיי אִין אַ ווִינְקְל אוּן קְרֶעכְץ אַרוֹיס אַ וָוארְט, זָאג: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ אִיד? אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר".**

**אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.**

...

**דוּ זֶעסְט אוֹיס זֵייעֶר גוּט מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג
לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַארְלָאז זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, דוּ וֶועסְט גֵיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים - דַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת; דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען גְרוֹיס שֶׁפַע. דוּ זֶעסְט אוֹיס זֵייעֶר גוּט מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, שְׁנַייד נִישְׁט, צִיפּ נִישְׁט אוּן מַאךְ נִישְׁט גָארְנִישְׁט, לָאז וַואקְסְן דַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אוּן זַיי שְׁטָאלְץ מִיט דֶעם.

בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אִיז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִּלּוּחַ הֲלָכָה ג', אוֹת ב'): "עִקַּר הַדַּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אִיז אַן עִיקָר פוּן אַ אִיד אוּן פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, "וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בֵּרַךְ ה', מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", אוּן

מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד, "וּמִי שֶׁרוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לִכְפֹּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", אוּן וֶוער עֶס וִויל חַס וְשָׁלוֹם לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת", דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט - אַז עֶר נֶעמְט אַרָאפּ זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, "כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", וַוייל דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם בָּארְד אוּן פֵּאוֹת; קוּק נָאךְ דָארְט מֶער בַּאֲרִיכוּת.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דֶער שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל אִין לִיבֶּערְטִי.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

### מֶען דַארְף אַסַאךְ חִיזוּק נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ט כִּסְלֵיו, ה' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבַּת חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט וָואס מֶען פְלֶעגְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קא; פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתמו) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים דִי דְרֵיי זְמַנִּים: רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבַּת חֲנוּכָּה אוּן שְׁבוּעוֹת - וֶועט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ טוּעֶן טַאקֶע אַזוֹי, מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם דִי דְרֵיי צַייטְן. רֹאשׁ הַשָּׁנָה פָארְן מִיר קַיין אוּמַאן, אוּן דִי אַנְדֶערֶע צְוֵויי צְווייטְן קוּמְט מֶען זִיךְ צוּזַאם דַאוֶוענֶען מִיט בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים.

מֶען דַארְף אַסַאךְ חִיזוּק נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, עֶר וִויל נִישְׁט מֶען זָאל זַיין בַּיים רֶבִּי'ן, עֶר טוּט אַלֶעס אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן רֶבִּי'ן; פַאר אֵיינֶעם מַאכְט עֶר בִּלְבּוּלִים, פַאר אַ צְוֵוייטְן אַ חֲלִישַׁת הַדַּעַת, אוּן אַזוֹי קוּמְט עֶר צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ טֶעכְנִיק וִוי אַזוֹי אִים אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן פוּן רֶבִּי'ן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַ אִיד ר' לִיפָּא, אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אַמָאל אִיז עֶר גֶעפָארְן אוֹיף אַ גְרוֹיסֶער יְרִיד צוּ מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר אִיז קוֹדֶם גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן נֶעמֶען אַ בְּרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי'ן. בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת הָאט אִים שוֹין דִי הוֹיט גֶעבְּרֶענְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל שוֹין עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה כְּדֵי עֶר זָאל שוֹין קֶענֶען פָארְן צוּם יְרִיד פַארְדִינֶען גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אַלֶעס גֶעזֶען, הָאט עֶר אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן דִי תּוֹרָה אַז עֶס שְׁטֵייט אִין תִּקּוּנֵי זוֹהַר (תִּיקּוּן ג' מֵהַתִּקּוּנִים הָאַחֲרוֹנִים): "חֲיֵיכִת בְּהוֹן בְּעוּתְרָא בְּהַאי עָלְמָא, וּלְבָתַר, קְטִילַת בְּהוֹן", גֶעלְט לַאכְט צוּם מֶענְטְשׁ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אוּן שְׁפֶּעטֶער הַרְגְ'עֶט עֶס דֶעם מֶענְטְשׁ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיט דֶעם מְרַמֵּז זַיין פַאר ר' לִיפָּא אַז נִישְׁט אַלֶעס אִיז גֶעלְט וְכוּ', ר' לִיפָּא הָאט זִיךְ אָבֶער פוּן דֶעם בַּאלֵיידִיגְט, עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעטְרָאפְן, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "לִיפָּא, וואוּ בִּיסְטוּ אַנְטְלָאפְן, עִמָּנוּ הֱיִיתֶם!" הָאט אִים ר' לִיפָּא גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ פַארְשֶׁעמְט", מֵיינֶענְדִיג דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אוּן אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען אִין דִי תּוֹרָה, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "לִיפָּא! פוּן אַזַא רֶבִּי גֵייט מֶען אַוֶועק?! זָאל דֶער רֶבִּי נֶעמֶען אַ דְרָאנְג (אַ דִיקֶע הָאלְץ) אוּן מִיךְ שְׁלָאגְן - וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין!"

מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועלְן מִיר זִיךְ צַאמְקוּמֶען אִין בִּנְיָן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה אִין שְׁטֶעטְל לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל, לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

**פַארְוָואס אִיז זֹאת חֲנֻכָּה דִי גְּמַר פוּן אַלֶע תִּקּוּנִים?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, הַיינְט נַאכְט אִיז זֹאת חֲנוּכָּה; עֶס שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אַז זֹאת חֲנוּכָּה אִיז דִי גְּמַר פוּן אַלֶע תִּיקּוּנִים. אַלֶע תְּפִילּוֹת אוּן אַלֶע מִצְוֹת פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, סְלִיחוֹת, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, יוֹם הַקָּדוֹשׁ, סֻכּוֹת, הוֹשַׁעְנָא רַבָּא, שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה; וֶוען עֶס קוּמְט זֹאת חֲנוּכָּה - דֶעמָאלְט וֶוערְט דִי גְּמַר פוּן אַלֶע תִּיקּוּנִים.

וָואס אִיז טַאקֶע דִי זַאךְ אַז זֹאת חֲנוּכָּה אִיז דִי גְּמַר פוּן אַלֶע תִּיקּוּנִים? אוּלַי אֶפְשָׁר לוֹמַר, גַאנְץ אֱלוּל אוּן תִּשְׁרֵי אִיז מֶען עוֹסֵק בְּעִיקָר אִין תְּפִילָּה וּבַקָּשָׁה, מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, תְּפִילָּה אָן הוֹדָאָה אִיז נִישְׁט קַיין שְׁלֵמוּת, יֶעצְט סוֹף חֲנוּכָּה נָאךְ אַ גַאנְצֶע וָואךְ חֲנוּכָּה, אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט דִי גְּמַר פוּן אַלֶע תִּיקּוּנִים; וַוייל וֶוען מֶען הָאט בֵּיידֶע זַאכְן, סֵיי תְּפִילּוֹת אוּן סֵיי תּוֹדָה וְהוֹדָאָה - דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, וֶוען מֶען בֶּעט אוּן מֶען לוֹיבְּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ דַאוֶונֶען יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט זֹאת חֲנוּכָּה אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָאג. דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין פוּנְדָאסְנֵיי צוּ קוּמֶען יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען נָאכְאַמָאל אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגּוּם אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְן טָאג, אוּן מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְּמָרָא.

זֹאת חֲנוּכָּה אִיז דִי גְּמַר פוּן אַלֶע תִּיקּוּנִים, וַוייל וֶוען מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען

לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, דָאס עֶנְדִיגְט צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים.

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן נַאכְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן שְׁטֶעטְל, אַלֶע שִׁיעוּרִים גֵייעֶן אָן אִין יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֲבֵירוֹת אִיז שְׁרֶעקֶעדִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט דִי קָאלֶערִינְג בּוּךְ פַאר קִינְדֶער, אוּן אִיךְ וַוארְט צוּ זֶען מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פַאר קִינְדֶער חֵלֶק ב׳, חֵלֶק ג׳ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מִיר דַארְפְן פְלַאנְצְן אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער, עֶס וַואקְסְט אַ פְרִישֶׁע דוֹר אוּן מֶען מוּז פְלַאנְצְן יִרְאַת שָׁמַיִם אִין זֵיי.

דִי וָואךְ וִויל אִיךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן חֲזַל. מַסֶכֶת בְּרָכוֹת דַף לג ע״א, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי שְׁלַאנְג וָואס הָאט גֶעבִּיסְן רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא. בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל מַאכְן אַ בִּילְד וִוי אַ רָב הַאלְט אַ שְׁלַאנְג אוֹיפְן אַקְסְל, אָנְגֶעטוּן וִוי אַ שַׁאל. דִי וֵוידְל אִין דִי לִינְקֶע הַאנְט אוּן דִי קָאפּ אִין דִי רֶעכְטֶע הַאנְט, דִי קָאפּ זָאל זַיין אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע בִּילְד אוֹיסְגֶעמִישְׁט אַ שְׁלַאנְג מִיט אַ פְּרָאשׁ, עֶס זָאל אוֹיסְקוּקְן טוֹיט, אוּן דִי פָּנִים פוּנֶעם רָב זָאל זַיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וִוי עֶר רֶעדְט צוּ דְרֵיי קִינְדֶער וָואס זֵייעֶר פָּנִים אִיז דֶערְשְׁרָאקְן. דִי קִינְדֶער זָאלְן גֵיין מִיט צִיצִית אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט, אוּן מִיט שֵׁיינֶע גֶעקְרֵייזְלְטֶע פֵּיאוֹת. דֶער מֶעלֶער אִיז נִישְׁט קַיין חַסִידִי׳שֶׁער זָאלְסְטוּ אִים לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט בַּיי אוּנְז, מִיט אַ שֵׁיינֶע קַאפְּל אוּן צְוֵויי שֵׁיינֶע גֶעקְרֵייזְלְטֶע פֵּיאוֹת מִיט צִיצִית אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט.

דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה:

וָואס אִיז דִי שְׁרֶעקֶעדִיגְסְטֶע זַאךְ? אַ שְׁלַאנְג? אַ לֵייבּ? אַ בֶּער? וֶוער וֵוייסְט?

מִיט יָארְן צוּרִיק, אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם צַדִיק רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא - אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חַיָ׳, אַזוֹי וִוי אַ שְׁלַאנְג אוּן אַ פְּרָאשׁ, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין אִין גַאס וַוייל דִי חַיָ׳ פְּלֶעגְט בַּייסְן.

וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה? מֶען גֵייט זוּכְן אַ צַדִיק עֶר זָאל גֶעבְּן אַ בְּרָכָה, אַזוֹי הָאט מֶען גֶעטוּן. מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא, מֶען הָאט צוּ אִים גֶעוֵויינְט: "רֶבִּי, הֶעלְפְט אוּנְז, מִיר צִיטֶערְן צוּ גֵיין אִין גַאס"

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק בֶּעט מֶען זָאל אִים וַוייזְן דִי נֶעסְט פוּן דִי חַיָ׳, עֶר גֵייט אַהִין אוּן שְׁטֶעקְט אַרַיין זַיין פִיס אִין דִי לָאךְ פוּן דִי נֶעסְט. דִי חַיָ׳ שְׁמֶעקְט אַז אֵיינֶער אִיז דָא, עֶר קוּמְט אַרוֹיס, עֶר קְרִיכְט אַרוֹיס - אוּן גֶעבְּט נָאר אַ קְלֵיינֶע בַּייס דֶעם צַדִיקְ׳ס פִיס אוּן דִי חַיָ׳ אִיז גְלַייךְ גֶעשְׁטָארְבְּן, דֶער צַדִיק הֵייבְּט אוֹיף דִי חַיָ׳ אוּן וַוייזְט פַאר אַלֶע קִינְדֶער אוּן זָאגְט:

"קִינְדֶער אִיר זֶעט? אַ חַיָ׳ קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, אַ שְׁלַאנְג אִיז נִישְׁט שְׁרֶעקֶעדִיג, עֲבֵירוֹת אִיז שְׁרֶעקֶעדִיג! אוֹיבּ מֶען טוּט עֲבֵירוֹת אוּן מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה - דֶעמָאלְט קֶען אַ חַיָ׳ בַּייסְן, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען טוּט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת, אוּן אַז מֶען הָאט חַס וְשָׁלוֹם גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה טוּט מֶען גְלַייךְ תְּשׁוּבָה, מֶען בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט: 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוּיל'; דֶעמָאלְט דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן גָארְנִישְׁט, נִישְׁט פוּן שְׁלֶענְג אוּן נִישְׁט פוּן בֶּערְן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן דֶעם מֶענְטְשׁ".

קִינְדֶער, וֶוער וֵוייסְט וָואס אִיז דִי שְׁרֶעקֶעדִיגְסְטֶע זַאךְ? אַלֶע קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: "טוּן עֲבֵירוֹת, אוּן נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן!"

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...